אָפּגעטיילט, האָט ער שטיל און וועהין די האַנט האָט אים אָנגעוויזן, אַף מידבער און אַף פון איר אַרויסגיין זיך געלאָזט, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט, און אַזוי און זיך אַוועקלאָזנדיק, און אַזוי און צום האָריזאָנט און צום אַלאַכסן שפּאַנענדיק, איז שטיל פון מידבער און פון פּרווו פון מידבער אַרויס, און פון יאָרן דאָרט־זײַן און פון יונגע יאָרן אין איר פאַרבּרענגען, אַוועקגעגאַנגען.

---





# אין וואַלד.

— „וואָס וויל מען פון מיר? וואָס וויל דאָס שפּילן פון מײַן לעבן האָבן? און איך האָב דאָך מײַן נעשאָמע געשוואָרן מיט איר אין שטילקייט צו לעבן. און געזאָגט האָב איך איר: אָט האָסטו דיר אַ וואַלד אַווילדן, מיט פרימאָרגנס און אָפּדערנאַכטן, מיט שטילע אופשטייענס און נאָך שטילערע באַלייגנס, און מיט אַ הייל און מיט אַ לעבן אָן אָפּגעזונדערטן, און כאַווערן וועסט זיך נאָר מיט יונגע וועוורקלעך אַף ביימער, מיט בלינדע מוילוורפן אין זייער אונטערגראָבּנס, און אין ליכטיקע פרימאָרגנס וועסטו באַם ברונעם וואַסער שעפּן און אין פינצטערע אָוונטן מיט די ליפּן דאָס נאַכט־געבעט שעפּטשען, און מיט קיינעם קערסטו זיך נישט אָן, און קיינעם זען ביסטו נישט מעכויעוו, און קיינער וועט דיר דאָ דײַן רו נישט שטערן, און קיינער וועט דיר דאָ דײַן וואַלד־לעבן נישט איבערשלאָגן.

אַזוי האָב איך איר צוגעזאָגט און זי האָט מיר געגלויבּט און איז באַשטאַנען, און ווי אַ טאָכטער האָט זי דעם קאָפּ צו מײַן שויס צוגעלייגט, און איך האָב זי געגלעט און באַרויִקט: „יאָ, טאָכטער, און יאָ, טאָכטער“, און מיר זײַנען אין וואַלד אַוועקגעגאַן און אַ צײַט אַזוי דאָרט אָפּגעלעבּט, און פּלוצלים — אַן אָנשיקעניש: און ווען מ'דאַרף ניט דעם שפּילער, איז ער דאָ, און ווען מ'רופט אים ניט, איז ער אויסגעוואַקסן, און ווען אין וואַלד קיין ווינטן זײַנען ניטאָ, מאַכט ער אונדז ווינטן הערן, און ווען קיין רעגן גייט ניט, מאַכט ער רעגענען אין וואַלד, און אין די רויִקע פאַרטאָגן אונדזער ווי שטערט ער, און אין די באַנאַכטן אונדז ניט שלאָפן לאָזט; און טאָכטער איז שוין באַהערשט פון שפּילער, און

די טאָכטער א פארטראכטע גייט שוין אום, זי האָט זיך שוין אין טאטן און אין זײַן צוזאָגן פארגעסן, קוקט זיך דורך די ביימער שוין אײַן, זי וויל שוין וויסן און קענען דעם שפילער — דארף מען דערום דערגיין, דארף מען, ווער ער איז, געוואָר ווערן״...

אזוי האָט צו זיך אליין, אין אלטן וואלד, דער איינציקער אײַנוווינער דאָרט גערעדט, געפילט, אז א פרעמדער קויעך, נישט קיין אייגענער און נישט קיין געטרײַער האָט זיך אים אהער באַוויזן, וואָס וויל אים פון זײַן אָרט ארויסנאַרן, זײַן געשטעלטן לעבנס־שטייגער שטערן, און זײַן שטיל־געשאפענע וועלט אים אומברענגען. האָט ער זיך פארטראכט און לאנג באקלערט די זאך, האָט ער אייצעס געזוכט און דער איקער פאר דער טאָכטער זיך געזאָרגט. און איינמאָל, אין א פארטאָג, ווען ער האָט די טאָכטער נאָך וואסער צום ברונעם אוועקגעשיקט און אליין אין זײַן הייל ׳געבליבן, האָט ער פון זײַן שויס עפּעס א פארוויקלטע זאך ארויסגענומען, זי צעוויקלט און זי באטראכט, און דאן זי ווידער פארוויקלט און צוריק אין שויס זי אומגעקערט, און דעמאָלט, און ווי געשטארקט פון דער זאך, האָט זיך אזוי געזאָגט שוין א געשטארקטן: „ס׳איז דאָ אן אייצע, אף דער ערשטער פרווו־נאכט א מיטל״; און אז די טאָכטער איז באלד צוריק פון ברונעם געקומען און אין דער האנט בא איר די קרוג מיט וואסער, האָט זיך דער וואלד־אײַנוווינער געקערט צו איר, און צו איר, נאָך אף דער שוועל שטייענדיקער, אזוי געזאָגט:

„— טאָכטער, כ׳ווייס, ביסט אומרויִק, און דײַנע געדאנקען זײַנען דיר מיטן שפילער פארנומען, און דו ווילסט אים זען, און דו גארסט עס שטארק, און דו קאָנסט זיך נישט איבערשטארקן. און פארהאלטן דיך בין ניט בעקויעך, און קעגן דײַן ווילן דיר גיין איז ניט אין שטאנד אין מײַנעם, האָב דערום דיר העלפן באשלאָסן, בין איך דיר דערום גרייט צו הילף, און מיט אונדזערע ביידנס קויעך וועלן מיר זיך דערשלאָגן צום געוואָלטן — קום מיט מיר״.

און דער וואלד־אײַנוווינער האָט זײַן טאָכטער פארנומען און האָט זיך מיט איר אין וואלד, אין טיפן און אין געדיכטן, אוועקגעלאָזט, און וווּהין ער האָט זיך גיין געלאָזט, האָט ער איר נישט



געזאָגט, און וואָס ער האָט אין זינען געהאט מיט זײַן גאנג, האָט ער איר ניט אופגעדעקט, נאָר גייענדיק האָט זיך באלד אין א כאיעשער ערד־לאָך אָנגעשלאָגן, וואָס איז אונטער אן אלטן בוים, אין אן אויסגעהוילטן און אין א דורכגעפוילטן געווען. האָט ער זיך דאָרט אָפּגעשטעלט און פארהאלטן, און באלד אהין ארײַנגעשריגן און צו די דאָרטיקע אײַנוווינער גערופן: — „ווער איז דאָרט, און ווער איז אינדערהיים אצינד, איך דארף האָבן, און איך גיי דאָ מיט דער טאָכטער דורך״.

האָט מען זיך פון דאָרט אָפּגערופן: „דער מאן איז אוועקגעגאן, און איך בין מיט קליינווארג אינדערהיים, און וואָס אזוינס האָט געטראָפן, און מיט וואָס קאָן עפשער איך דינען״.

און דער וואלד־אײַוווינער האָט געענטפערט: עפשער איז אײַך אויסגעקומען און אין לעוואָנע־נעכט, די לעצטע צײַט, ווען מיט אײַערע קינדער שפילט זיך, צווישן ביימער און צווישן ליכט און שאָטן, אין איינעם א שפילער, נישט קיין געוועזענעם ביז אהער און נישט קיין באקאָנטן קייגעם, זיך אָנשלאָגן, צי האָט איר אים געזעען און צי קאָנט איר מיר ניט זאָגן, וואָס פאר אן אויסזען ער האָט, ווער ער איז און וואָס טוט ער דאָ?

— ניין! — האָט מען פון דער ערד־לאָך זאָפּגעענטפערט — אונדז אזוינער האָט זיך נישט געטראָפן, נישט אין דער לעצטער צײַט און אויך נישט פריִער קיינמאָל, און מיר ווייסן נישט, און אויך אונדזער „ער״ ווייסט נישט, און מיר הערן דאָס דאָס ערשטע מאָל, און אויך אונדזערע שכיינים און אייגענע האָבן דערפון נישט שמועסן געהערט.

האָט דאָס אויסגעהערט דער וואלד־אײַנוווינער און מיט זײַן טאָכטער אָפּגעגאן, און אין וואלד איז שוין דאן גרויסער טאָג געווען, און אלעס איז שוין מיט ארבעט פארנומען געווען, און פויגלען און פייגעלעך האָבן זיך עסן געזוכט, און באבעלעך און ווערימלעך האָבן זיך אף דער ערד און אונטער בלעטער געוירט, און זון האָט געוואָרעמט און וואלד האָט געשפּײַזט, און ליכט און שאָטן האָבן זיך אין לויפערלעך געשפּילט און ליכטפלעקן און זומער־שפּרענקעלעך זײַנען זיי נאָכגעלאָפן; האָט זיך

דער וואלד־אײַנוווינער ארומגעקוקט, אז ער מיט דער טאָכטער זײַנען פון דער היים שוין ווײַט, און אז א גרויסע שטיק וועג האָבן זיי שוין דורכגעמאכט; און געגאנגען זײַנען זיי באָרוועס, ווײַל די שיך האָבן זיי ניט מיטגענומען פון דער היים, און אויך קיין עסן האָבן ניט געהאט, ווײַל אויך קיין עסן האָבן זיי זיך נישט פארגרייט אין וועג. האָט זיך דער וואלד־אײַנוווינער אָפּגעשטעלט און זיך ארומגעזען, און צו דער טאָכטער האָט זיך דאן געקערעוועט, און צו דער טאָכטער האָט ער געזאָגט:

— טעכטערל, ס׳איז שוין באלד האלבער טאָג און פון דער היים זײַנען מיר אָן עסן אוועקגעגאן, און דו ביסט שוין מיד און הונגעריק געוויס—האר־זשע מיר אויס, טאָכטער, און מירן זען, ווו מיר זײַנען.

און דער וואלד־אײַנוווינער האָט זײַן אויג אין אלע זײַטן געווענדעט, און זײַן וואלד־ריִע די אויסגעפּרוּווטע דורך אלע וואלד־דורכלויכטן געשיקט, האָט אים זײַן ריִע אן אָרט איינס אָנגעוויזן, און אוועקגעלאָזט האָבן זיי זיך אהין און נאָך לאנג געגאן ביז יענעם אָרט, און צוגעקומען זײַנען זיי צו א בינשטאָק א וואלדישן, וואָס בינען האָבן אף נידעריקע ביימלעך געהאט, זיך דאָרט אין א שטילער בינען־מאסע געהאלטן, און נאָר אייניקע פון זיי האָבן זיך ארום דער לעבעדיקער בינען־שטילקײַט געדרייט, אלעמאָל אָפּ־און־צוגעפליגן און באשעפטיקט געווען; און האָניק איז דאָרט איבעריקס געווען. און די מוטער־בין האָט דעם וואלד־אײַנוווינער א באקאָנטע אָנגעקערט. האָט זיך דער וואלד־אײַנוווינער געקערט צו איר און בא איר אן ערלויבעניש געבעטן, און די מוטער־בין האָט ערלויבט, און ער האָט פאר זײַן טאָכטער האָניק גענומען, און אויך פאר זיך אף זיך צו קוויקן. האָבן זיי געגעסן און דער וואלד־אײַנוווינער האָט זיך מיט דער בין צערעדט, און געפרעגט האָט זי אים, וואָס ער איז אזוי ווײַט פון דער היים פארגאן, און וואָס טוט ער דאָ מיט דער טאָכטער באטאָג? און ער האָט איר דערציילט, אז אין וואלד האָט זיך א נישט קיין געזעענער שפּילער באוויזן, וואָס זײַן רו און זײַן טעכטערלס שטערט, און דאָס טעכטערל איז אים אומרויִק און איר געמיט איז צעזייט, און ער מוז דעם שפּילער זען



און אויך דעם טעכטערל אים ווײַזן, און אויב די בין האָט אים געזען, און אויב געהערט פון אים, זאָל זי אזוי גוט זײַן און אים אויך זאָגן.

— ניין!—האָט אים די בין געענטפערט.

און דער וואלד־אײַנוווינער האָט זיך מיט איר אָפּגעזעגנט און פארן עסן אָפּגעדאנקט, און מיטן טעכטערל האָט ער זיך פארנומען און אין טאָג און אין וואלד אוועקגעשפּאנט. האָט דער טאָג שוין זײַן העכער־האלב דערגרייכט, און אין וואלד איז דאן זייער שטיל געוואָרן, און וואלד־אײַנוווינער מיט טאָכטער זײַנען ווײַטער געגאנגען, נישט גערעדט צווישן זיך און יעדער איז מיט זײַנעם פארטראכט געווען, און קיינער האָט קיינעם נישט איבערגעשלאָגן אין טראכטן. אזוי לאנג און צווישן ביימער...

און לאנג האָט עס אזוי געדויערט, און ביידע האָבן נישט באמערקט ווי אזוי, נאָר מיטאמאָל, אז דער וואלד־אײַנוווינער האָט זיך עפּעס פּלוצלים אָפּגעשטעלט און זיך פארהאלטן פון גיין, און טאָכטער נאָך אים האָט זיך אין זײַן שטיין אָנגעשלאָגן, — אזוי האָבן זיי דערזען, ווי אין וואלד איז שוין דער פארנאכט צוגעפאלן, און א קילקײַט האָט שוין דאן באהערשט אלעס, און די ביימער זײַנען גלײַכע און נישט־גערירטע געשטאנען, און ווײַט אין וואלד ערגעץ האָט נאָך א נישער זון־רויטלעכקײַט געצאנקען, אָבער ארום האָט שוין אלץ אף נאכט באלייגט זיך און קיין סימען פון טאָג און קיין סימען פון טאָג־באשעפטיקײַט איז שוין נישט צו מערקן געווען; זײַנען זיי שטיין געבליבן. און דער וואלד־אײַנוווינער האָט זיך ארומזען גענומען, און אף דער טאָכטער האָט ער א קוק געטון און איר טאָג־מידקײַט באמערקט, און או צײַט איז איר צו רוען שוין, און אז פארנאכט און טאָמיד אין דער צײַט שוין שלאָפט באשטענדיק. האָט ער מיט די אויגן אין אלע זײַטן געזוכט, ביז לעסאָף האָט זיך אין עפּעס אָנגעשלאָגן מיט זײַן קוק און אויך דער טאָכטער אהין, מיט א האנט אָנגעוויזן: „גיב א קוק, טאָכטער, און זע, וואָס ס׳שטייט דאָרט אין וואלד, און מיר האָבן גוט און זייער גוט געטראָפן”...

און דער וואלד־אײַנוווינער האָט די טאָכטער נאָך זיך גערופן, און א שטיקל צײַט האָט נאָך געדויערט, ביז זיי האָבן זיך

דערנעענט אהין, און אז זיי זייַנען נאָענט געקומען, האָבן זיי פאר זיך א היטער־שטיבעלע דערזעען — פון דרענגלעך און פון צווייַגן געמאכט, און פון מאָך און פון גראָזן מיט א מעשופּע דעכעלע געדעקט, אום דער רעגן זאָל פון דאָ־ט אראָפּרינען, און פאר א טיר און אן אריַינגאנג האָט א לאָך געדינט, נישט קיין פארשטעלטע און נישט קיין פארהאנגענע מיט גאָרנישט. האָבן זיי זיך דאָרט אָפּגעשטעלט, און דער וואלד־אייַנוווינער האָט זיך אין טיר אהין מיט א „גוט־אָוונט״ געווענדעט. האָט זיך פון דאָרט און פון פארנאכט־פינצטערניש פריִער א קאָפּ ארויסגעשטעקט, און דאן א קערפּער מיט א ווארעם היטער־איבערשט אף נאכט און פאר קעלט זיך שיצן, האָט ער זיך אָפּגעדעקט און זיך ארויסגעשטעקט, און א „גוט יאָר״ האָט ער געענטפערט, און ווער ס׳איז געקומען, געפרעגט.

— איך — האָט דער וואלד־אייַנוווינער געענטפערט. — איך, דער וואלד־אייַנוווינער, צו דיר, טאָמיד־שטענדיקער אין וואלד, בין מיט מייַן טעכטערל דעם גאנצן טאָג געגאנגען און צו דיר איצט אף נאכטלעגער געקומען.

— און וואָס האָט זיך געטראָפן?

— אזוי און אזוי: עפּעס א שפּילער האָט זיך אין וואלד באוויזן, און ער האָט מיר מייַן רו און מייַן טעכטערלס צוגערויבט, און איך זוך אן אייצע... און פאר אלעמען טרעט מיר פאר מייַן טאָכטער דייַן געלעגער אָפּ.

און דער טאָמיד־שטענדיקער איז פון היטער־שטיבעלע ארויסגעקראָכן און פאר די שטייענדיקע פּאָטער און טאָכטער צוגעקומען. זייַנען אים זייַנע וויִעס און ברעמען גראָ באוואקסן געווען, און אליין האָט ער אין אָוונט, ווי א געוויקס אזא, וואָס איז פון דער ערד ארויסגעקראָכן אויסגעזעען, און נישט אלט איז ער נאָך געווען, אָבער ווי מיט א וואלד־פארבלאָזנקייַט פארבלאָזן, און מיט טרוקענע בלעטער, מיט ערד און פאראיאָריקס האָט פון אים געשמעקט. איז ער ארויסגעקומען און זייַן געלעגער פאר דעם וואלד־אייַנוווינערס טאָכטער געלאָזן, און יענער האָט זיך צו זייַן טאָכטער געקערעוועט און איר אפן שטיבעלע אָנגעוויזן און איר אהין אריַינגיין געהייסן.



איז די טאָכטער אהין ארייַן און זי האָט זיך אפן געלעגער אראָפּגעלאָזט, און דעם פּאָטער און טאָמיד־שטענדיקן אינדרויסן געלאָזט, און ביידע זייַנען זיך היימיש געווען, און ביידע האָבן זיך געקענט פון לאנג, און א צייַט, אז זיי האָבן זיך שוין ניט געזעען, און איצט, אז זיי האָבן זיך באגעגנט, האָבן צווישן זיך שמועסן און זיך אויספרעגן גענומען, און גערעדט האָבן זיי שטיל, און בא דער טיר זייַנען זיי געשטאנען, און דער וואלד־אייַנוווינער האָט לעסאָף פון שמועס פון זייַן שויס דאָס, וואָס ער האָט אינדערפרי דאָרט געהאלטן, ארויסגענומען, און דאָס אין פארנאכט־שטילקייַט דעם טאָמיד־שטענדיקן געוויזן; און יענער האָט געקוקט אין דרין, און יענער האָט זיך אריַינגעקוקט אין דעם לאנג, און מיטן קאָפּ אף „גוט״ געשאָקלט, און דעם וואלד־אייַנוווינער נאָך עפּעס געזאָגט דערנאָך, און יענער איז פון אים אָפּגעגאן און צום שטיבעלע זיך געקערעוועט, אהין דעם קאָפּ אריַינגעשטעקט און די טאָכטער א רוף געטון; און אז זי האָט זיך אָפּגערופן, האָט ער איר די זאך דערלאנגט — עפּעס א בייַטעלע מיט א פארמעטל אינווייניק און אף א שנירעלע דאָס צו טראָגן; איר דאָס איבערגעגעבן, און דאָס אף נאכט און צום שלאָפן זיך אפן האלדז דאָס אופהענגען געהייסן. און די טאָכטער האָט דאָס צוגענומען, און דער וואלד־אייַנוווינער האָט זיך פון דער טיר אָפּגעקערט און ווידער דאן צו זייַן פרייַנט דאן געווענדט.

איז שוין אינדרויסן דאן גוטע נאכט געווען, און דער וואלד איז שוין געשלאָפן, און פון צייַט צו צייַט געזיפצט פון שלאָף, און א לעוואָנע־נאכט האָט הייַנט באדארפט זייַן, אָבער אופגיין וועט ערשט שפּעט אין אָוונט, און אין וואלד וועט זיך ערשט שפּעט באווייַזן, און ביידע פרייַנט זייַנען פונעם שטיבעלע אָפּגעגאנגען און אף א קלאָץ פון א בוים א געפאלענעם, וואָס איז אין דער נאָענט געלעגן, זיך אוועקגעזעצט, און דער וואלד־אייַנוווינער האָט פון שלאָפן א טראכט געטון און זייַן פרייַנט עס געזאָגט, און יענער האָט, אז „ס׳איז נישט רעכט״ געזאָגט און אז זייַן אייצע איז איבערזיצן, ער וויל הערן, ער וויל בייַזייַן, און דאן וועט אים, וואָס ער זאָל טון, אייצען, אָבער פריִער און פאר אלעמען זאָלן זיי א פייַער צעלייגן.

און דער טאָמיד־שטענדיקער איז צו ארונטער זײַן שטיבעלע אוועקגעגאַן און דאָרט פון אן אש־גריבעלע אן אויסגעלאָשענס א לעצטע קויל ארויסבאַקומען, און געבראַכט האָט ער זי און מיט צווײַגלעך דינע א פײַער אופגעבלאָזן, און נאָך צווײַגן האָט ער געבראַכט, און א גאַנצן הויפן פארן פײַער, און אונטערגעלייגט און צוגעלייגט, און דאָס פײַער האָט זיך פארגרעסערט. און אין וואלד איז דאַן פינצטער געווען, און ארום פײַער האָבן זיך שאָטנס אין וואלד־געדיכטעניש געקליבן, און פון וואלד האָט זיך קיין קאָל און קיין טריט נישט געהערט, נישט פון קיין כאַיע קיין גייענדיקער און נישט פון קיין פויגל פונעם שלאָף ריידנדיקן, נאָר ווען־ניט־ווען האָט נאָר א בוים ערגעץ א קרעכץ געטון, און באַם פײַער האָט מען נישט געזעען און נישט וויסן געקאָנט, פונוואַנען ס׳גייט דער קרעכץ. זײַנען זיך די פרײַנט אזוי שטיל געזעסן, און דער אָוונט איז געגאַנגען, און די לעוואָנע איז נאָך נישט אופגעגאַנגען, און דאָס טעכטערל פון וואלד־אײַנוווינער איז אין פינצטערן היטער־בײַדל געשלאָפן. און דער פאָטער מיט פרײַנט האָבן זיך באַם פײַער געהאלטן און פון שמועסן אנטשוויגן געוואָרן, און שטיל און אזוי אנטשוויגן־ווערנדיק האָבן עפּעס שטילע און ווי אויסווארטנדיקע אויסגעזעען...

האָט זיך פלוצלים און פון טיפעניש פון וואלד א שפּילן דערהערט, פון א קיילע אן איינציקער, וואָס לאָזט זיך הערן פון דער ווײַט, א פײַפל, וואָס עמעצן פון זיך צו וויסן גיט, און אז קיינער איז נישטאָ, און מ׳קאָן איצט ארויסגיין, און דאָס פײַפל רופט, און מ׳דאַרף דעמנישט אָפּזאָגן.

און נאָך האָט זיך דערהערט, און דאָס שפּילן האָט זעלטן גוטס מיט זיך געבראַכט — אן אָנזאָג, אז די לעוואָנע שוין אונטער וואלד דאָרט שטייט, און וואלד באַלויכטן ווערן וועט פון א זײַט באַלד, און די שאָ איז די רעכטע, און די שאָ איז די פארהוילנסטע, און מ׳דאַרף זיך פון בעט איצט אופשטעלן, און מ׳מעג פון שלאָף זיך נישט דערוואַכן, און אויך מיט פארמאַכטע אויגן און מ׳קאָן אינדרויסן ארויסגיין, און לעוואָנע און ערעוו־לעוואָנע וועלן, וווּהין מ׳דאַרף, שוין פירן...



און נאָך שפּילן איז אונטערגעקומען, און גאָלדענע בערג האָט עס צוגעזאָגט, און אז אף די בערג־הויכן האָבן זיך פיל מענטשן איצט צונויפגעזאַמלט, מיט זעק און מיט פארטעכער, און מיט פעק און מיט טיכער גרויסע, און מאַנסבילן און נעקייוועס פיל, א מאַסע און אָן א צאָל, און ווי מאָן און ווי מילבן אף די בערג זײַנען איצט פארשפּרייט, און אין די זעק — גאָלד, און אין די פארטעכער—גינגאָלד קלײַבן... און די לעוואָנע באַשײַנט זיי אין זייער מאַסע, און די שײַן פון לעוואָנע מיט פיל רײַכטימער באַגליקט זיי, און זיי נעמען זיך אָן, און זיי הערן נישט אוף זיך אָנצונעמען, און אז די זעק און פארטעכער שוין פול ווערן, גייען זיך דאַן צונויף און מיט די רײַכטימער לייגן זיך צוזאַמען, און מאַנסבילן מיט פרויען פּאָרן זיך אף די בערג, און מ׳פּראַווועט כאַסענעס דאָרט רײַכע... און קיילע האָט אויסגעמאָלט די בערג, און לעבעדיק פאָרגעשטעלט די גאָלד־קלײַבער, און ווער ס׳האָט דאָס געהערט, האָט זיך אויך אים דאָרט זײַן געגלוסט, און ווער ס׳האָט דאָס שפּילן פארנומען, האָט איצט צווישן יענע גליקלעכע געוואָלט זײַן...

און וואלד־אײַנוווינער מיט טאָמיד־שטענדיקן האָבן דאָס געהערט און פון די ערטער זיך אופגעשטעלט און די אויערן אָנגעשטעלט און דאָס וווּנדערלעכע רופן און דאָס רײַכע צוזאָגן פארנומען. האָט זיך די לעוואָנע שוין פון הינטער די וואלד־ביימער פארנומען. און פון צווישן די ביימער מיט א זעלטן וואלד־פארהוילעניש ארײַנגעשײַנט... און די פרײַנט האָבן זיך צום היטער־שטיבעלע געקערט און אהין א קוק געטון דאַן, און אף דער טיר און באַם ארויסגאַנג די טאָכטער מיט פארמאַכטע אויגן און א שלאָפנדיקע, נישט גערירט און אויסגעצויגן, מיטן פּאָנעם צו דער לעוואָנע דער אופגייענדיקער, און מיטן קערפּער דעם גאַנצן צו יענער ריכטונג אָנגעריכט, דערזעען. און בלאַס־באַשײַנט איז זי געשטאַנען און הוילע הערונג איז זי געווען, און באַלד, האָט זיך געדאַכט, וועט זי זיך פון איר אָרט אָפּטאָן און אזש אהין, וווּהין מע האָט גערופן, זיך לאָזן. און אפן וואלד־אײַנוווינערס פּאָנעם האָט זיך א גרויסער צאַר אויסגעדריקט און ער האָט אף זײַן פרײַנט א קוק געטון, און זײַן פרײַנט האָט אף אים

צוריק געקוקט און מיט זייַן קוק אים בארויִקט: ווי אויסהארן און זיך שטיל האלטן האָט אים געהייסן, ווייַל די סאקאָנע איז ווייַט, און דאָס, וואָס בא דער טאָכטער אפן האלדז איצט הענגט, וועט זי היטן און אָפּהיטן פון צו דער לעוואָנע זיך לאָזן...

און די לעוואָנע איז שוין דאן מער אופגעגאנגען, און דער וואלד איז איר אנטקעגן געגאנגען — מיט פארהוילעניש און מיט נאכט, מיט ביימער־רייכעס און מיט צעשלאָגענער זילבער־שייַן אזוינער. און דאָס פייַערל, דאָס אף דר׳ערד צעלייגטע, האָט געבלאסט און די רויטקייַט פארלאָרן, און מיט גלייִענדיקן און מיט אש האָט זיך ווי צום ווייַטן און צו דעם, וואָס פון ווייַטן טוט זיך, צוגעהערט...

האָט דאָס שפּילן ווידער גערופן און צום וואלד־אייַנוווינערס טאָכטער גערעדט, און צוגעזאָגט האָט עס:

— א נאכט, און וואָס זי איז ניט בייַגעוועזן אזוינע, ווו יונגע רייַטער אף פעלד־סטעזשקעס רייַטן, אף יונגע פערד און אף בלורטיק שטאָלצע, אף הויכע און מיט קעפּ פאריסענע; און די רייַטער זייַנען אופגעלייגט, און יונגע פרויען באלייטן די רייַטער אף זייער וועג, און אָט באלד וועלן צו א וואלד־אָנהייב צוקומען, און פון די פערד וועלן זיי אראָפּגיין, און די פערד וועלן זיי צו די ביימער בינדן, און אליין צו די פרויען וועלן זיי ווענדן, און יעדער איינער צו זייַן איינער אף פארברענגען; נאָר איינער, און דער שענסטער פון די רייַטער, וועט אליין און אָן א פּאָר בלייַבן; און טרויעריק וועט ער זייַן, און קיין אנטייל אין דער פרייד ניט נעמען, און אז זייַנע פרייַנט וועלן אים פריילעך וועלן מאכן, וועט ער זיך אָפּזאָגן און וועט פון וואלד־אָנהייב אליין אין גרויסן פעלד ארויסגיין; און שטיין וועט אליין און אין א זייַט אין איינער קוקן, און פון וואלד וועלן זיך צו אים פרייד־געשרייען און קוילעס פון אופגעלייגטקייַט דערטראָגן, און ער וועט זיך פון אָרט נישט רירן, און באם הימל און בא לעוואָנע אף זייַן באשערטער פרעגן: ווו איז זי און ווען וועט זי אָנקומען פון פעלד? — און דעם וואלד־אייַנוווינערס טאָכטער איז דאָך די געווארטע פון רייַטער, און ער שטייט און קוקט ארויס אף איר — פארוואָס־זשע זאמט זי זיך, און פארוואָס גייט אים ניט אנטקעגן אין פעלד?...



און דערזעען האָט דער וואלד־אייַנוווינער, ווי זייַן טאָכטער האָט זיך ווי פון איר אָרט א לאָז געטון און ווי צו לעוואָנע א גיי טון געוואָלט, און ער האָט זיך באלד מיט זייַנס א קוק צו זייַן פרייַנט געווענדט. און דער טאָמיד־שטענדיקער האָט אים בארויִקט, און דאן האָט ווייַטער אף זייַן טאָכטער א קוק געטון און צוריק זי אף איר אָרט, א שטייענדיקע און אן אויסגעצויגענע, א זיך־אייַנהערנדיקע, אָבער נישט אָפּגייענדיקע געטראָפן; און דער טאָמיד־שטענדיקער איז עפּעס ערנסט געוואָרן מיטאמאָל, און דאָס שפּילן האָט זיך אויך צו ערנסטערעס געגרייט...

האָט דער וואלד־אייַנוווינער פלוצים דערזעען, ווי איבערן פייַערל, וואָס האָט זיך אף דער ערד געטליִעט, האָט עפּעס א פלי און א שווינדל געטון, פון פליגל צענומענע פון א באשעפעניש א געשווינדער... איז דאָס א פלעדערמויז געווען און קרומלעך איז זי פארבייַ פייַער דורך, און באלד פון אויג און אין וואלד ערגעץ פארשוווּנדן. און דאָס אָרט פון טאָמיד־שטענדיקן איז ליידיק געוואָרן, און דער טאָמיד־שטענדיקער האָט נאָך זיך קיין סימען נישט געלאָזט... האָט דער אייַנוווינער פארשטאנען: דאָס האָט זיך זייַן פרייַנט אין וואלד אוועקגעלאָזט דאָס אָרט אויסצורזען, פונוואנען ס׳הערט זיך און פונוואנען דאָס שפּילן קומט. און אז ער איז אוועקגעפלויגן, וועט ער דערפליִען, און אז ער האָט זיך אונטערגענומען, וועט ער אויספירן די זאך. האָט ער געווארט און לאנג געשטאנען, און ער אליין איז קעגן זייַן טאָכטער געבליבן, און אליין האָט זיך איצט דערפילט און פאר „טאָמער עפּעס מאכט זיך" פּאכעד געהאט. האָט זיך דאָס שפּילן ווידער דערהערט און די קיילע האָט גערופן:

— אין דער וועלט ארייַן, און קאָלזמאן, און ס׳איז נאָך שפּעט באנאכט; וואָרעם אָט באלד וועט דער טאָג אָנקומען, און וואָס באנאכט ס׳איז מעגלעך, וועט צום טאָג אומעגלעך ווערן; און אויסגעמאָלט האָט זיך א גרענעץ אף עק וועלט, דאָרט ווו נאכט מיט טאָג באגעגנט זיך, ווו פּוסט ס׳איז דאָרט און שטיל און ליידיק ארום, און א ווינט גייט דאָרט אום, און ווער ס׳קומט אהין, בא דעם די פּאָלעס פון זייַן קלייד צעפליִען זיך; און קיינער קומט ניט אהין, און קיינער איז נישט זויכע אהין צו קומען,

נאָר פון נאכט און א פּאָר א מאָל, ווען זיי האָבן זיך שטארק ליב געהאט און איינעם פארבראכט די נאכט, און די צײַט איז זיי ווייניק געווען, און נישט אלץ, וואָס זיי האָבן געהאט, האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן, נישט מיט אלץ פון זייער גוטס האָבן זיך געטיילט, און זיי מוזן נאָך צײַט און אָרט האָבן, און די נאכט האָבן נאָך נישט אויסגעלעבט. פארבלאָנדזען זיי אהין אמאָל, און ער איז אין א לאנגן קלייד אָנגעטון, און איר איז קיל אין עק וועלט, און ער וויקלט זי אײַן, און ער נעמט זי אונטער זײַן קלייד ארונטער, און זי טוליעט זיך פעסט צו אים און מיט פארמאכטע אויגן מיט איר געליבטן איר איבעריקע נאכט־ליבע לעבט איצט איבער... זאָל מען־זשע זיך צו־אײַלן צו עק וועלט, וואָרעם אלע נאכט נאָר א יי נ ס א פּאָרל אהין קומט, און הײַנטיקע נאכט די קיילים „זי" רופן.

און דערזעען האָט דער וואלד־אײַנוווינער, ווי איבער זײַן טאָכטערס קערפּער איז אזוי ווי א קעלט דורכגעגאנגען, און זי האָט זיך טוליען גענומען און ווי א צווייטן קערפּער נעבן זיך צו זוכן אום דעם קאָפּ צו אים אָנשפּארן און אונטער זײַן קלייד ארונטערגענומען ווערן, איז אָבער קיינער נישט געווען נעבן איר... האָט זיך אפן פײַערל, וואָס אף דער ערד, ווײַטער א פלעדערמויז דורכפליִען דערזעען, און א שווינדל געטון און ווי א פּאָרפּל־זיך איבערן פײַער, און די פלעדערמויז איז נישט געבליבן; און אפן אָרט פון טאָמיד־שטענדיקן איז איצט צוריק דער טאָמיד־שטענדיקער געשטאנען, און ווי א מידער פון א וועג און א פארמאטערטער פון פליִען; און מיט די פלייצעס צום וואלד־אײַנוווינער איז ער אויסגעקערעוועט געווען, און מיט זײַן פּאָנעם און מיט זײַן האלבן קערפּער צו דער ערד עפּעס אָנגעבויגן, גלײַך ער וואָלט דאָרט עפּעס געהאלטן און עפּעס געבראכט פון פליִען, און מיט עפּעס זיך דאָרט געפּאָרעט, וו אָ ס מיט וואָס האָט מען נישט זען געקאָנט. האָט ער זיך דערנאָך אויסגעדרייט צום וואלד־אײַנוווינער און צו אים מיטן פּאָנעם זיך געשטעלט, האָט דער וואלד־איינוווינער דערזעען:—

באַ זײַנע פיס און פאר זײַנע קניִעס איז א באשעפעניש א קליינס, אזוי ווי א מאלפּעלע געשטאנען. מיט א קעפּעלע צוגע־



פלעטשטס און מיט אייגעלעך אין ראכמאָנעס קוקנדיקע, וואָס א קנעכטל און א געפאנגענס האָט זיך אין א פרעמדער האנט און אין א פרעמדן רעשוס געטראָפן, און א גרויסער פּאַכעד איז אף דעם אויסגעדריקט געווען. און דאָס קערפּערל באַ דעם איז א האָריקס געווען, מיט א הײַטל און מיט שווארצע האָר, און פיסלעך קעלבערשע האָט דאָס געהאט, מיט יונגע טלאָעלעך, צעגרמענע און צעשפּאָלטענע, ווי באַ א קעלבל א יונגס, און מיט די הענטלעך האָט עס זיך דאָס פּעניםל פארשטעלט. און דער טאָמיד־שטענדיקער האָט עס פאר אן אויערל געהאלטן, שטײַף און דאָס נישט אָפּגעלאָזט, פעסט — ס'זאָל נישט אנטלויפן פּרוּוון. האָט ער זיך אזוי מיט דעם באשעפעניש צום וואלד־אײַנוווינער זיך געווענדעט און ווי דאָס אים פאָרגעשטעלט, און דאן האָט דעם וואלד־אײַנוווינער צום פײַער צוגיין געהייסן, און אויך ער מיטן באשעפעניש זײַנען אהין צוגעגאן, און אראָפּגלאָזן און זיך זעצן האָט דעם וואלד־אײַנוווינער א ווּנק געגעבן, און אליין ער האָט זיך געזעצט און דאָס באשעפעניש נעבן זיך געהאלטן און פון אויערל דאָס נישט אָפּגעלאָזט. האָט דער טאָמיד-שטענדיקער אויסגעוואַרט א ווײַלע, און ווי צײַט און אָפּרוּ זיך געגעבן און אויך דעם באשעפעניש רוּ ס'זאָל צו זיך קומען, און דאן האָט זיך אָנגערופן און אזוי דעם באַפוילן:

— און איצטער, רועכל, דערצייל!

— פון וואָס, מײַן האר?—האָט זיך דאָס רועכל א וואָרף געטון דערשראָקן.

— ווער זײַט איר, און וואָס פאר אן אָנשיקעניש אפן וואלד־אײַנוווינער?

— רוכעס זײַנען מיר, און כ'בין גרייט, מײַן האר!

און דאָס רועכל האָט דערציילט:

— מיט א שטיק צײַט צוריק האָט זיך אונדזערער א גרויסער רועך א באוווסטער א פּוס אויסגעוויכנעט... ס'האָט זיך אים איינמאָל אף אונדזער אלטער פּויק טאנצן פארגלוסט... די פּויק איז באַ אונדז ביערושע, אן אלטע און א פארמעטענע. און אין די זײַטן איז זי נאָך געל און נײַלעך, אָבער אין דער מיט שוין שווארץ און אָפּגענוצט — פון קלעפּ. וואָס מ'האָט געקלאפּט אף

איר אף סימכעס און אף רועך־כאסענעס פריילעכע, איז זי שוין אויך שוואך דאָרטן. און דעם רועך האָט זיך פארגלוסט און ער האָט אונדז צו זיך פארופן, איינמאָל א גרויסן אוילעם און קלעזמערשן, און מיט אלע קיילים זאָל מען גרייט קומען, און ער אליין וועט אף דער פּויק טאנצן, און ווען מ׳וועט דארפן, און ווען קלעזמער וועלן זיך נייטיקן אין דער פּויק, וועט ער דאָס שוין מיט די פיס מאכן, וועט ער טאנצנדיק אונדז צום טאקט צופאלן...

זײַנען מיר זיך צונויפגעקומען, אין זײַן גרויסן זאל און אין זײַן רײַכן, וואָס די ווענט און דער באָדן זײַנען מיט ווייכע געוואנטן באדעקט און באהאנגען געווען. האָט מען די פּויק אין דער מיט אוועקגעשטעלט, און קלעזמער בא די ווענט האָבן זיך אויסגעשטעלט, און א גרויסער אוילעם איז געווען אויך *אויסער* קלעזמער, און דער רועך האָט זיך אין דער מיט באוויזן, און ער איז אף דער פּויק ארופגעגאנגען...

האָט ער זיך שפּילן געהייסן:

„אין א הייסן זומער־טאָג איז אומעטיק דעם רועך, אין הייסן מיטן טאָג האָט ער זיך ניט ווו אהין צו טון... און אין וואלד איז אים ענג און אויך אין טיפסטן געפינט זיך קיין אָרט ניט, ווײַל די היץ אין קאָפּ אים שלאָגט און אויך אין הייל די ליכט דערלאנגט... און ווען זען האָט ער ניט, און מיט וועמען באַגעגענען געפינט ער ניט, ווײַל רוכעס נאָך פון נאכט דאן שלאָפן, רוכעס פון זייערע ארבעטן אָפּרוען, און אין בוים־לעכער זײַנען פארשטעקט און ווו באקומט מען זיי, אז ער איז שוין אויסגעשלאָפן, און יענע זיך נישט וועקן לאָזן... דערמאָנט זיך דער רועך אין אן עק הימל דאן, דאָרט ליגט עפּעס א וואָלקנדל פון אינדערפרי אפן בלאָען הימל־יאם א קליין אינזעלע ערגעץ, וואָס בא די ברעגעס און ארום איז מיט שניי־ליכט, און אויך העכער און ארופצו איז ליכטיק, *נאָר גאָר* און *פּונקט* אין דער מיט האָט אן ערטעלע, א שווארצס, א קליין שטיקעלע פארטונקלט... קאָן מען דאָך דערפון עפּעס האָפן, קאָן דאָך פון יענעם אָרט פארן רועך עפּעס גוטס און דערפרישנדיקס ארויסקומען“...

האָבן מיר דאָס אים געשפּילט —



און א היץ האָבן מיר אין וואלד אָנגעטריבן, און אין וואלד אן אָטעם־ענגעניש געמאכט... און דער רועך בלאָנדזעט א דערשלאָגענער ארום, ער קאָן זיך קיין אָרט און קיין שאָטן־ווינקל נישט געפינען. האָבן מיר נאָך יענעם וואָלקנדל אין הימל א ווינטל ארויסגעשיקט, און דער רועך אף דער פּויק האָט זיך דאן מיט גרינגע פיס אף דער פּויק אוועקגעלאָזט, בא די ברעגן פּויק און ארום און ארום געלאָפן. און גרינג־געיאָגט, און געטראָגן האָט זיך קײַלעכיק, און דאָס ווינטל האָט יענץ וואָלקנדל דערגרייכט, און נאָך וואָלקנדלעך האָט עס דאָרט צונויפגענומען און אינעם הייסן טאָג צו איינעם און א גרויסן זיי געמאכט. און א ווינטשאָליִעכל איז אין וואלד ארײַן, און א לופטל איז צווישן די ביימער און שפּיצן דורכגעלאָפן, און אָנגעזאָגט האָט עס: עפּעס האָט זיך אָנגעהויבן אויסער וואלד, און באלד וועט דאָס אויך אהער דערלאנגען...

האָט זיך טאקע באלד אָנגעהויבן. און פון הימל איז אף ערד און הימל א גרויסער ווינט ארויס, און פון אויבן האָט ער וואָלקנס געטריבן און אונטן האָט ער א שטויב אופגעהויבן, און אין וואלד איז ער ארײַן און צווישן ביימער האָט א ראש אָנגעמאכט, און ביימער זײַנען זיך שאָקלען אוועק, און רועך אין וואלד האָט דעם אָטעם פאר פרישקײַט אָפּגעכאפּט און. דאָס הארץ קעגן ווינט זיך צעכראסטעט; און רועך אף דער פּויק איז דערפרייט געוואָרן און מיטן קאָפּ אף צו די פּלייצעס פארוואָרפן און די אויגן צו סטעליע געווענדעט, און מיט א שמייכעלע אף מויל אופגעעפנט האָט אף פּויק און אף די ראנדן זיך אוועקגעלאָזט... האָט זיך אין וואלד דאן א טונקלקײַט אָנגערוקט, און דער הימל האָט זיך פארצויגן, און רועך אין וואלד האָט די אויגן צום הימל אופגעהויבן... און נאָך מער האָט זיך די שײַן פארטונקלט, און רועך אף דער פּויק האָט די אויגן נאָך העכער פאריסן, זיי פון דער סטעליע נישט אָפּגעטון און מיט אָפענעם מויל פון האנאָע גרויסער צו שמייכלען נישט אופגעהערט; און די זון איז נישט געבליבן, און דער וואלד האָט אין א פארנאכט־טונקלקײַט פארזונקען, און נאָכן ראש איז אין וואלד אף א רעגע רויִק געוואָרן, און אין שטילקײַט האָט א בלאסער טאָג־בליץ א בליץ געטון, און רועך אף דער פּויק

האָט זיך אַ שטעל געטון, פון דערוואַרטונג און פון בליק־בלענד אופגעהאַלטן... און פּלוצלים — אין דער לופט און אין הימל, אין וואַלד און אין דער פעלד האָט מיטאַמאָל אַ קראַך געטון — אַ דונער האָט דעם דרויסן און די ערד געטראָפן, און אין פעלד און אין דער מיט דער געפּלאַצטער, און מיט אַ קנאַק און מיט אַ פּוס דער רועך אין אַ לאָך אַראָפּ אַרײַן...

און דער רועך האָט דעם פּוס אויסגעוויכנעט. און דער רועך האָט דעם פּוס נישט אַרויסנעמען געקאָנט, און אָנגעלאָפן זײַנען מיר אַלע, אום אים אַרויסהעלפן פון דאָרט, און מיט גרויסע ווייטיקן פאַר אים האָבן מיר אים פון דער לאָך באַפרײַט, און פון דעמאָלט אָן אַ קראַנקער ליגט, און פון דעמאָלט און פון יענעם טאָג איז שוין אַ היפּשע צײַט פאַרגאַן.

האָט דער רועך אָפן בעט ליגנדיק און קראַנק זײַענדיק פאַרשיידענע זאַכן אויסגעטראַכט, זײַנען אים פאַר דער צײַט פאַרשיידענע אײַנפאַלן אײַנגעפאַלן, און איינע פון די זאַכן איז אויך אָט די לעצטע זאַך — ער ווייסט און ער איז געוואָרע געוואָרן, אַז באַם וואַלד־אײַנוווינער איז אַן איינציקע טאָכטער דאָ, אַן איינציקע און אַ געטרײַע און מיטן פאָטער אין אָפּגעזונדערטקײַט לעבט און דער וואַלד איז אַ היים זיי, און די שטילקײַט זיי — אַ מוטער, זאָלן מיר גיין און זאָלן מיר זיך אַרײַנמישן, און זאָלן מיר זייער לעבן און שטיל־שטייגער צעשטערן. און גיין זאָלן די קלעזמער: זיי האָבן אים קראַנק געמאַכט, זיי זײַנען די סיבּע פון זײַן קראַנקײַט און אומעט־ליגן געווען, זאָלן זיי זיך מִיִען און אים דערפרייען, זאָלן זיי זען און אים זײַן צײַט פאַרבּרענגען העלפן. און מיר זײַנען געגאַנגען: מיר זײַנען דאָך אין רעשוס בּאַ אים און מיר האָבן געטון, ווײַל ער איז דער האַר אונדזערער און אַזוי געשפּילט, און בּאַם וואַלד־אײַנוווינער די טאָכטער אַרויסנאַרן געוואָלט...

— און ווי אַזוי פאַרהיט מען זי פון אײַך? — האָט דער טאָמיד־שטענדיקער בּאַם רועכל, און דאָס אַלץ נאָך פאַרן אויערל האַלטנדיק געפרעגט.

— כ׳ווייס נישט, מײַן האַר.

— מוזטו וויסן!



— בּין איך אַ געהאַרגעטער דערנאָך. און נאָכן אויסזאָגן וועל זיך פאַר מײַנע לײַט שוין נישט ווײַזן קאָנען, מ׳וועט מיך פאַרבּרענען און מײַן אַש אױף אַלע זײַטן צעזייען.

— וועל דיך נישט אָפּלאָזן! — האָט דער טאָמיד־שטענדיקער געזאָגט.

— מײַן האַר! — האָט זיך דאָס רועכל בּאַ אים געבּעטן.

— אומזיסט!

און דער טאָמיד־שטענדיקער האָט דעם רועכל אין די אויגן געקוקט. און דאָס רועכל האָט די אויגן צו דער ערד אַראָפּגעלאָזט, און געטראַכט און געשוויגן און דערווײַל די צײַט אָפּגעצויגן. און אַז ס׳האָט נישט געהאָלפן, אַז דער טאָמיד־שטענדיקער איז רויִק געבּליבּן, און אַלץ דאָס פון אויערל נישט אָפּגעלאָזט, האָט דאָס רועכל די אויגן פון דער ערד אופגעהויבּן און מיט געבּעט אַ קוק געטון, און מיט ווערטער און מ׳יט גרויס ראַכמאָנעס זיך נאָך אַמאָל בּעטן געפּרוּווט:

— מײַן האַר!..

— אומזיסט! און זאָגסטו נישט, אַזוי וועל איך דיך בּיז צום טאָג פאַרהאַלטן און צו זון און צו ליכטיקײַט דיך בּרענגען.

— זאָל עס נישט טון דער האַר... איך וועל אויסזאָגן!

און דאָס רועכל האָט געזאָגט: זאָל דער האַר מיר מיט אַ גאָלמעסער די האָר פון מײַן שפּיץ קאָפּ די גרייס ווי אַ מאַטבּייע אויסגאָלן, זאָל מען דאַן די האָר צונויפנעמען און זיי צום פײַער דערנעענטערן און זיי דאָס פײַער שמעקן געבּן, וועלן זיי אַ רייעך פון פאַרסמאַליעטקײַט און אָפּגעבּרענטס בּאַקומען, זאָל מען זיי דאַן אונטער דער נאָז פון דער איצט־שלאָפנדיקער טאָכטער אונטערטראָגן, וועט זי זיי דערפילן און זיך אופכאַפּן, און אַזוי ווי די ערשטע נאַכט האָט זי דאָס, וואָס זי האָט אָפן האַלדז געטראָגן, פאַרהיט, אַזוי וועט זי דאָס האָר שמעקן אויך די צווייטע נאַכט פאַרהיטן. — טו עס, מײַן האַר, און לאָז מיך אָפּ וואָס גיכער...

— און די צווייטע נאַכט?

— דאָס איז ניט אין רעשוס בּאַ מיר.

— און וואָס זאָל איך דעמאָלט טון?

— דאָס אייגענע, וואָס האָסט הײַנט געטון, און יעדע נאכט האָט א סאָד און א קויעך אירן. א קויעך און א קעגן־קויעך, און וואָס פאר א קויעך ס'וועט מאָרגן אף איבערמאָרגן הערשן, איז הײַנט נישט אנטפלעקט פאר קיינעם. טו עס מיר.

— גוט.

און דער טאָמיד־שטענדיקער האָט דאָס רועכל צו זײַן היטער־שטיבעלע צוגעפירט, מיט דעם ארײַן אהין און דאָרט זײַן גאָל־מעסער געפונען, איז ער מיט דעם ארויס און דאָס רועכל צום פײַער צוגעפירט, און דעם דאָס קעפעלע אָנגעבויגן און אין שפּיץ־קאָפּ די האָר און קײַלעכיק און וועדליק א מאטבייע די גרייס אויסגעגאָלט. און פארהאלטן האָט נאָך דאָס רועכל און די האָר זײַנע דעם וואלד־אײַנוווינער איבערגעגעבן, און יענער האָט זיי צום פײַער דערנעענט און זיי שמעקן געגעבן דאָס פײַער, האָבן זיי זיך אָנגעכאפּט און אײַנגעלאָפן עטוואָס, און דער טאָמיד־שטענדיקער האָט דעם וואלד־אײַנוווינער א ווונק געגעבן: או זאָל ער אין שטיבעלע ארײַנגיין, און זאָל ער די האָר דער טאָכטער דאָרט, וואָס איז שוין צוריק אף איר געלעגער געלעגן, שמעקן געבן. האָט יענער אזוי געטון: און ארײַנגעגאן איז ער און די טאָכטער אפן געלעגער געטראָפן א בלאסע, און דאָס נאכט־זעען איז איר נאָך אפן פּאָנעם געבליבן, און די לעוואָנע־פארפירונג האָט נאָך אף אירע אויגן און אונטער ברעמען געבלאָנדזעט; האָט ער איר אף א שמעק טון אונטערגעטראָגן, און די טאָכטער האָט אין שלאָף געעטעמט, און דער רייעך איז איר אין די נעזלעכער ארײַן. האָט זי זיך א דריי געטון, נאָך א שמעק—און זי האָט דערוואכן גענומען. צום דריטן מאָל — און זי האָט די אויגן געעפנט.

— וואָס איז טאטע?

— שלאָף, שלאָף, טאָכטער, גאָרנישט...

און דער וואלד-אײַנוווינער האָט די טאָכטער אפן געלעגער איבערגעלאָזט און אליין אין דרויסן ארויסגעקומען. האָט ער שוין דאָס רועכל באם טאָמיד־שטענדיקן נישט געטראָפן. און דער טאָמיד־שטענדיקער איז אליין געווען, און אין וואלד און ווײַט ערגעץ האָט זיך דאָס ערשטע דערוואכנדיקע פויגל־פּישטשעלע



דערהערט. דאָס האָט דאָס ערשטע פּרי־פייגעלע פון נאכט־נעסטעלע זיך ארויסגעלאָזט. איז שוין באלד סאָף נאכט און נאָענט צו טאָג געווען. און דער טאָמיד־שטענדיקער האָט דעם וואלד־אײַנוווינער אָנגעוויזן: זאָל ער זיך אף דער ערד און אונטער א בוים צושפּארן, זאָל ער זיך אוועקלייגן און צום טאָגלעך א שלאָף כאפּן, און אויך ער, און ער איז מיד פון דער נאכט, און צײַט איז אָפּצורוען, און מ'מעג איצט רויִק זײַן.

און וואלד־אײַנוווינער האָט זיך געלייגט און אויך טאָמיד־שטענדיקער איז אין וואלד ערגעץ אף אן אנדער אָרט אוועקגעגאן, און ביידע האָבן אײַנגעשלאָפן און דעם טאָג־ווערן נישט געזען. און דער פרימאָרגן איז געוואָרן, און די זון האָט שוין הויך געהערשט און די וואלד־באשעפענישן האָבן שוין זייער ערשטן טאָג-הונגער געשטילט. און דעם וואלד־אײַנוווינערס טאָכטער איז שוין אופגעשטאנען פון לאנג. און אפן פײַער, פון דער נאכט איבערגעבליבענעם, איצט א געקעכץ און אין די קיילים פון טאָמיד־שטענדיקן צוגעשטעלט — פאר די עלטערע, ווען זיי וועלן אופשטיין, זיי זאָלן האָבן, און דערנאָך אליין נישט קאָכן דארפן. און געזעסן איז זי און דאָס פײַער אונטערגעהאלטן, און דאָס געקעכץ האָט זיך געקאָכט און דער רויך האָט זיך געדרויכערט, און דער וואלד איז מיט זײַנעם פארנומען געווען, מיט טאָג און מיט טומל טאָגיקן און מיט זײַנע באשעפענישן צו נערן; און דאָס געקעכץ האָט זיך אָפּגעקאָכט, און דעם וואלד־אײַנוווינערס טאָכטער האָט דאָס פון פײַער אראָפּגענומען.

איז דער וואלד־אײַנוווינער דאן דער ערשטער פון אונטער זײַן בוים אופגעשטאנען און נאָך א פארשלאָפענער צו דער טאָכטער גענעענט. און דאן, און אויך טאָמיד-שטענדיקער איז א נאָרוואָס אופגעשטאנענער אונטערגעקומען און דעם וואלד־אײַנוווינערס טאָכטער האָט זיי וואסער אפן נאָכן שלאָף זיך וואשן דערלאנגט, און עסן האָט זיי דערנאָך געגעבן, און זיי האָבן אָפּגעגעסן איניינעם.

איז שוין דאן ארום האלבן טאָג געוואָרן און דער טאָמיד־שטענדיקער האָט זיך נאָכן עסן פון זײַנע פרײַנט אָפּגעטיילט און אליין ערגעץ אין וואלד אָפּגעגאן, און זײַן פרײַנט איז מיט זײַן

טאָכטער געבליבן און איר נאָכן עסן די קיילים אופראמען און זיי צעוואשן געהאָלפן. און נישט גערעדט האָט ער מיט איר גאָרנישט, און פון דער נאכט בא איר נישט געפרעגט, ווי ס׳איז זיך איר געשלאָפן, און ווי זי האָט זיך אין פרימאָרגן געפילט. האָבן זיי נאָר שטיל געטון און אלץ אין אָרדענונג געבראכט. האָט זיך דאן דער טאָמיד־שטענדיקער פון זײַן אָפּגיין אומגעקערט; און אומגעטראָגן האָט ער מיט זיך פרישע דרענגלעך נאָר־וואָס אָפּגעהאקטע, נאקעטע און אָן בלעטער שוין, גלאטע און פון אלע צווײַגלעך ארומיקע ארומגעהאקט, און ער איז מיט א פּאק א גאנצן צום פאָטער מיט דער טאָכטער צוגעקומען... און א זאָג געטון האָט ער זיי, אז זיי זאָלן מיט זיך נאָר דאָס, וואָס נייטיק איז פארנעמען, און זיי זאָלן אים נאָכגיין, ווײַל הײַנט וועלן זיי אף אן אנדער אָרט נעכטיקן. און פאָטער און טאָכטער האָבן אים געפאָלגט און באלד דאָס, וואָס נייטיק נאָר איז געווען, פארנומען: א קרוג אף וואסער, און א טאָפּ אף קאָכן, און נאָך קלייניקײַטן און נאָך טוכן אייניקע, און באלד זײַנען זיי גרייט געוואָרן אף מיט אים צו גיין. און דער טאָמיד־שטענדיקער האָט דעם וואלד־אײַנוווינער א רוף געטון, און בײדע האָבן זיך פאָרויס אוועקגעלאָזט, און טאָכטער הינטער זיי, און מיט געטראָגענע קיילים אין די הענט, איז זיי הינטן נאָכגעגאן...

איז שוין דעמאָלט שפּעטער טאָג געווען, און די זון איז שוין קרום און צו דער זײַט פון וואלד געשטאנען, און צו אים, אליין שוין צו מײַרעוו גענויגט, ארײַנגעקוקט. און די לײַט זײַנען געגאנגען און אין טאָג זיך שטיל געהאלטן און אין וואלדס טיפקײַט זײַנען זיי ארײַן, פון אָרט צו אָרט, און פון איין וואלד־אָנקומעניש צום צווייטן געקומען. און אז דער פארנאכט איז אָנגעקומען, און אז די זון האָט שוין בא דער ערד און פון אלאכסן פון וואלד ארײַנגעשײַנט און לאנגע שאָטנס האָבן פון די ביימער אף דער ערד שוין גערוט, און אלץ איז פארשטילט געוואָרן, און אלץ האָט זיך צום זון־זעצן־זיך געגרייט, און די שאָ פון זון־זעצן איז שוין הינטער וואלד געשטאנען, און אף די לעצטע זון־ביסלעך און שײַן־ליכטיקײַטן זאָלן זיך אויסלעשן, ארויסגעקוקט — זײַנען די לײַט דאן אין עפּעס אן אָרט אָנגעקומען, אין א



פארוקטס און אין אן אָפּגעזונדערטס, און וואָס זעלטן ווען מ׳שלאָגט זיך אָן, און זעלטן, אז מ׳טרעפט אהין... און דאָס אָרט איז א וואלד־ליידיקס און א היפּשס געווען, אן אָפּגעראמטס, און אויסער גראָזן איז דאָרט קיין ביימל און קיין קוסטל נישט צו זען. און פון גרויסע נאָדל־ביימער נאָר און אומגעוויינלעך הויכע איז דאָס אָרט ארומגערינגלט געווען, און די ביימער האָבן הויכע שטאמען געהאַט, הוילע און פון געוויסן גאָלד־קאָליר זייערן, און נאָר מיט קעפּ און שפּיצן זייערע האָבן געגרינט, און איינע אליין פארן גאנצן וואלד איצט אין זון־ליכטיקײַט אָנגעטון געשטאנען, און אין פארנאכט אין א זעלטן אופגעהאלטנקײַט זייערער זיך געהאלטן; און קיין צווײַגל האָט זיך קיין שאָקל נישט געטון פון אויבן, און קיין שטאם האָט זיך מיט קיין מינדסטן ריר נישט גערירט, און נאָר די הויכע קרוינען זײַנען ווי אין א גרויס־פארשטאנד שטייענדיקײַט געשטאנען: זיי די העכסטע, זיי די איינציקע, האָבן דעם זונס פארגיין און דעם טאָגס אָפּשייד צוקוקן באדארפט...

און דער טאָמיד־שטענדיקער האָט באלד דעם פּאק מיט די דרענגלעך פון די אקסל אראָפּגעלאָזט. אים אף דער ערד צענומען און פון דאָרט א האק ארויסגענומען. און באלד זיך אוועקגעשטעלט און די דרענגלעך ארומגעשפּיצט, זיי ארומגעהאקט און זיי פארשארפט און גענומען און אין דער ערד זיי ארײַנגעשטעקט, אָפּגעטרעטן און איינס פונעם אנדערן אָפּגערוקט. איז פון די דרענגלעך באלד א היטער־בודע מיט דרײַ ווענט געוואָרן, אָבער נישט געדעקט זײַנען די ווענט געווען און קיין דאך האָט די בודע נישט געהאט. און דער טאָמיד־שטענדיקער איז דאן צום וואלד־אײַנוווינערס טאָכטער צוגעגאן, און פון אירע זאכן, פון די טוכן, וואָס זי האָט מיט זיך מיטגענומען, האָט ער גענומען, און אפן דאך ארופגעוואָרפן, און אויך די ווענט האָט ווי־ניט־ווי דאן אײַנגעדעקט.

איז שוין דאָס שטיבעלע פארטיק געוואָרן אף נאכט, וועדליך פאר א מענטשן און וועדליך איינער נאָר זאָל דאָרט איבערנעכטיקן קענען. און די זון איז שוין באלד געהאט פארגאנגען, און אויך פון די הויכע שפּיצן־ביימער האָט זיך אָפּגעטון, און

אין אָרט אין דאָרטיקן איז א זעלטענע שטילקייַט געוואָרן, אן אָפּגעראמט־מיטלסדיקע און אָן שום ביימער דאָרט, ליידיק, און נאָר בא די זייַטן און קייַלעכיק איז פון הויכע ביימער באוואכט געווען...

האָט דער טאָמיד־שטענדיקער צום וואלד־איַינוווינערס טאָכטער זיך געווענדעט און איר אפן שטיבעלע אָנגעוויזן: און זאָל זי אריַין אהין, ווייַל דער אָוונט איז שוין אין וואלד, און אופגעשטאנען איז דאָך א פרימאָרגן א גרויסן, און נאָכן טאָג און נאָכן גיין לאנגן איז צייַט איר שוין צו לייגן זיך...

האָט זי געפאָלגט דעם טאָמיד־שטענדיקן: און אריַינגעגאן איז אין שטיבעלע און געלייגט האָט זיך, ווּ געלייגט. און אויך איַינגעדעקט האָט זיך דאָרט מיט וואָס נאָר ס׳איז איר געבליבן און זי האָט געהאט אף זיך איַינדעקן. און די עלטערע זייַנען אויסער שטיבעלע געבליבן און שטיל צו דער טאָכטערס באַלייגן־זיך צוגעהערט, און אויך צו דעם אָוונט, דעם דעמאָלטיקן, וואָס האָט שוין געהערשט און אלץ ארום שוין באַרויִקט; און נישט קיין פייַער צעלייגט האָבן אפן אָוונט הייַנטיקן די עלטערע, און אָן שום ליכט זייַנען זיי אף נאכט געבליבן. און ארום איז פינצטער געוואָרן, און די לעוואָנע האָט הייַנט שפּעט באדארפט אופגיין, און פאר איר אופגיין איז דאָס נאכט־אָנקומען אלץ ערנסטערער און ערנסטערער געוואָרן...

האָט זיך פלוצלים אן אָנגעלויף דערהערט. און געלאָפן איז מען נישט ווייַט און אונטער דער ביימער־פאַרשטעלטקייַט, נאָר אפן אָרט, ווּ די פרייַנט זייַנען געשטאנען, האָט מען נישט געזען קיינעם. און דערהערט האָט זיך דאָס אָנגעלויף, ווי א גרויסע מענגע אַן איַילנדיקע וואָלט זיך אין יענעם אָרט אריַינגעשיט, און נישט גלאט איז מען, און נישט סטאם איז מען אָנגעלאָפן, נאָר נאָך עמעצן געיאָגט זיך און אף יענעם אָרט טאקע אָנגעטראָפן דאָס געיאָגטע... און א קוויטש האָט זיך דערהערט, ווי א קליין באשעפעניש וואָלט אין פיל הענט פון גרויסע אריַינגעכאפט געוואָרן, וואָס ווערן האָט זיך עס נישט געקאָנט, און נאָר א קוויטש פון פארפאלן און פארצווייפלונג האָט דאָס געטון, און באלד אנטשוויגן געוואָרן, ווי דערוואָרגן...



און די פרייַנט האָבן פארשטאנען די זאך, אז דאָס האָט מען איצט דאָס רועכל און דאָס אָפּגענאָלטע פון זיי געכאפט, און קיין לעבעדיקס וועט ער שוין נישט ארויס, און קיין אייווערל דערפון וועט שוין ניט בלייַבן נאָכן געכאפט ווערן... האָבן זיי זיך ווייַטער איַינגעהערט: און דאָס אָנגעלויף איז מיטן געכאפטן דורכגעגאן, אין א געדראנג און אין אן ענג־צונויפגעדריקטקייַט, און דאָס געפאנגענע איז ווי פון אלעמען געהאלטן געוואָרן, ווער פאר וואס ס׳האָט זיך נאָר אָנכאפן געקאָנט, און אלע האָבן זיך נאָר צו ד ע ם און ד ע מ ס קערפערל געצויגן...

איז אף א שטיקל צייַט שטיל געוואָרן, און נישט געהערט און נישט געזעען האָט מען גאָרנישט. האָט זיך אָבער פלוצלים עפּעס א שייַן באַוויזן, א רויטע און אן אָפּשלאָגנדיקע, ערגעץ נישט פון ווייַט און פון וואלד אהער אריַינדערלאנגנדיקע, און די שייַן איז אלץ גרעסער און גרעסער געוואָרן און וואָס אמאָל אלץ מער און מער ערד־און לופט־שטעך פארנומען. האָבן זיך די פרייַנט ארומגעקוקט און דערזעען: — אין וואלד האָט זיך א פייַער א גרויס באַוויזן, א פייַער־הויפן און פון א פארנעם א גוואלדיקן, און א מאכנע און א מענגע פון גרויסע ברויִם און גרעסערע, און אויך פון קליינוואַרג און באַנומענע, האָט דאָס פייַער, קייַלעכיק און אין א ראָד, ארומגערינגלט, און אפן פייַער און אין דער הויך איבער דעם איז א קערפערל און א קליינס, א שווארצס, און א קינדערש געהאנגען, מיטן פּעניםל אראָפּ, און מיט הענטלעך און מיט פיסלעך צעשפרייט, און גלייַך אפן גרויסן ברען דעם פלאמיקן...

און די פרייַנט האָבן זיך אָפּגעקערעוועט פון אהין צו קוקן און ביידע באַלויכטענע האָבן איינס אפן אנדערן א קוק געטון... האָבן זיך פלוצים בא זיי אויסגעלאָשן די פּנימער, און פון פייַער־שייַן פריִערדיקער זייַנען איצט ווי צעטומלט געווען, און די ערשטע רגעס איינס דאָס אנדערע ווי זיך פארלירנדיק געשטאנען. און א צייַט איז אוועקגעגאן, ביז דער ליכט־שווינדל איז זיי פון די אויגן ארויס, און ביז די נאכט־שייַן און ביז דאָס ווידערקוקן־מעגלעכקייַט האָט זיך צו זיי אומגעקערט. האָבן זיי דערנאָך דערזעען: און דער וואלד איז צוריק וואלד געוואָרן, און דאָס

אָרט זייערס ווי געווען ווידער. און שפּעט אײַנאָוונט איז שוין געווען, און די לעוואָנע און דער אָנהייב אירער האָט שוין די ערשטע סימאָנים און די ערשטע בלייכקייַט אהער און דורך די ביימער דערלאנגט. און אויסגעטיילט האָט זיך פאַר זיי דאָס היטער־שטיבעלע און שוין א שוואך־באלויכטנס איצטער, און אויך די טאָכטער פון דעם וואלד־אייַנוווינער האָט זיך דאָרט געפּילט אין איר שלאָף און דער צייַט אירער פון פאר־לעוואָנע...

און די וואלד־פרייַנט זייַנען אף זייערע ערטער געשטאנען, און דער טאָמיד־שטענדיקער איז רויִק געווען, אָבער ווי אויסגעטון פונדאנען, און ווי מיט ווייַטס און נישט מיט הי׳גס פארנומען. און די לעוואָנע איז אופגעגאן, און איר מער־שייַן האָט זיך אין איין וואַלד־זייַט געוויזן, און יענע זייַט איז שוין אין באַלויכטנקייַט און אין לעוואָנע־שטייגער געשטאנען, און די אנטקעגנדיקע נאָך ניט און זי האָט אין דער באלויכטענער אריינגעקוקט. האָט זיך דאן ווי יענע נאכט ווידער פון וואלד און פון לעוואָנע־פארהוילעניש א שפּילן דערהערט, האָט עס געשפּילט און אזוי געזאָגט:

— אין דער ערשטער נאכט האָט מען גערופן, און אין יענער נאכט האָט מען זיך נישט אָפּגערופן, געבעטן — און מ׳האָט דאָס געבעט נישט פארנומען; אָבער דער, וואָס רופט, האָט דאָך נישט גערוט דעם טאָג, און ער האָט זיך קאם די צווייטע נאכט דערוואַרט, און איצט א טרויעריקער איז, און אליין איז ווידער... און הויך אין הימל איצט, אונטער דער לעוואָנע דער שווייַגנדיקער, שטייט א וואָלקן א טונקל־איינזאמער, און דער וואָלקן איז א שטיבעלע א נאכטיקס פאר דעם הימל־פּאסטעך, וואָס האָט דעם גאנצן טאָג אין פעלד פארבראכט, און איצט איז ער אהיים געקומען און זייַנע שאָף אין שטאלן שלאָפן, נאָר ער אליין קיין רו נישט ווייסט, און ער זיצט און פלעכט איצט פּאָסטעלעס אין אומעט... און וואָלט מען געוואָלט, און וואָלט מען נאָר פון וואלד ארויסגעקומען, אזוי וואָלט דער פּאסטעך א שטריק אראָפּדערלאנגט, און צו זיך ארוף, אף נאכט און אין שטיבעלע ארופגענומען... און וואָס איז געשעען, און ווו איז דאָס וואָרט פארשפּראָכן, צי געדענקט מען ניט באם טייַכל, ווען א לעמעלע איז



באַ די פּיס געשטאנען, און דאָס לעמעלע האָט זיך מיטן פּענימל אין זייערע פּיס געריבן, און שאָף האָבן געטרונקען דעמאָלט, און שאָף האָבן זיך נאָכן טרינקען אפן ברעג איינס נעבן אנדערן אין אן ענג רעדל צונויפגענומען... און ווו איז דער צוזאָג, און ווו איז דאָס וואָרט, דאָס דעמאָלטיקע, און פאַרוואָס געדענקט מען נישט, און פארוואָס רופט מען זיך אף לעוואָנע־רוף ניט אָפּ?...

און ווידער האָט עס געשפּילט, און דאָס שפּילן האָט דערציילט:

— פאר צאר איז איצט דער פּאסטעך אין הימל אוועקגעגאן, פאר צאר האָט ער אין דער נאכט פארבלאָנדזעט. און אָנגעטראָפן האָט ער א וואלד א באנאכטיקן, און דער וואלד דאָרט אין דער הויך און נעבן א טייַך געפינט זיך... און אין וואלד זייַנען הויכע פעלזן פאראנען, וואָס פון צופוסנס זייערן שטילע קוואלן ארויסקוועלן, און פון וואלד־הויך אין דער נידער און צום טייַך אראָפּרינען. זיצט דאָרט באַ א פעלז און באַ א קוואַלאָנהייב אן אלטער מאן דאָרטן, א ווייַסער און א וואלדישער, און וואָס נאָר אין לעוואָנע־נעכט באם וואסער באווייַזט זיך. און הויל איז ער, און האלב נאקעט איז זייַן לייַב און די האָר פון זייַן קאָפּ זייַנען מיט גראָזן פארטריקנטע און מיט בוים־נאָדלען באשאָטן. זאָגט ער און שעפּטשעט באשטענדיק און מיט שפּרוך און מיט זאָגעכץ איז זייַן מויל פארנומען. איז צו אים איצט דער פּאסטעך אונטערגעקומען, און געבראכט האָט ער אים א בינטל וואָל א מאטאָנע און א קריגל זויערמילך צום עסן. און אים אָפּגעגעבן און זיך געשטעלט פאר אים, און פאר זייַן אלטקייַט מיט קאָוועד געשטאנען; ווייַל דער אלטער דער נאָווי פון די פּאסטעכער איז און אין שלעכטע צייַטן די פּאסטעכער צו אים אן אייצע פרעגן קומען... און דער אלטער האָט אפן פּאסטעך געקוקט און דעם צאר זייַנעם געזען. און געזאָגט האָט אים, אהיים זאָל גיין, און אף זייַן טויער זאָל זיך שטעלן, און ביז פארטאָג זאָל ער דאָרט שטיין, און ביז ער וועט אין פרימאָרגן מיט זייַן פּאסטעך־האָרן ציִען. און די גאנצע צייַט זאָל נישט אָפּטרעטן, און זי וועט זיך דערמאָנען, און מיט די ערשטע ציגעלעך, די ערשטע

געסט פון טאָג, און צו דער ערשטער טשערעדע־צונויפזאמלונג וועט אויך זי זיך ווײַזן...

און דעם וואלד־אײַנוווינערס טאָכטער האָט דאָס שפּילן דערהערט, און פון געלעגער איז זי אופגעשטאנען און צו דער טיר האָט זי גענעענט, און דאן פון שוועל פון טיר א גיי געטון, און מיט אויגן געשלאָסענע האָט זיך ערגעץ גיין און שפּאנען געלאָזט. און דער וואלד־אײַנוווינער האָט דאָס דערזעען, און ער האָט זיך א לאָז געטון און איר דעם וועג פארשטעלן געוואָלט, אָבער דער טאָמיד־שטענדיקער האָט אים פארהאלטן: זאָל זי גיין און זאָל אים ניט ארן, ס׳וועט גאָרניט זײַן, און ווײַט וועט זי נישט פארגיין...

און די טאָכטער איז איבער פלאץ דעם ליידיקן געגאן, מיט אויגן פארמאַכטע און מיט הענט פאר זיך און פאָרויס אויסגעשטרעקטע, ווי עמעצן געזוכט און אין עפּעס זיך אָנהאלטן וועלן. און די עלטערע האָבן איר נאָכגעקוקט און זי אין אויג געהאלטן, און זיי האָבן איר נישט געשטערט און זי געלאָזט, און זי איז די ברייט פון אָרט דורכגעגאן און צו די ערשטע וואלד־ביימער צוגעקומען, און זיך דאָרט פארהאלטן און פאר איינעם א בוים שטיין געבליבן...

האָט זיך דאן דאָס שפּילן ווידער דערהערט, און דער וואלד־אײַנוווינער האָט זיך צו דעם אײַנגעהערט. און פּלוצלים, און נישט געבליבן איז דער טאָמיד־שטענדיקער, און אין די אויגן פון וואלד־אײַנוווינער האָט א פלעק־שאָטנדל א שווינדל געטון, און אין דערזעלבער צײַט האָט, ערגעץ הויך און אף א שפּיץ בוים איינעם, א פּאָרפּעל פון א נאכט־פויגל זיך דערהערט... האָט זיך דאָס שפּילן ווידער אָנגעהויבן און ווי א פאסטעך האָט אפן פײַפל אין פעלד גערופן:

— ער איז אליין אין פעלד און אונטער א שטיין איצט זיצט, ווײַל אין פעלד האָט זיך אָנגעוואָלקנט, און די זון איז פארשטעלט געוואָרן; און ווינטן בלאָזן שטארק, און מ׳ווייסט נישט, וואָס ווינטן וועלן ברענגען, צי א רעגן, צי א האָגל, צי א גרויסן שטורעם אף טאָג, און פאסטעכער אליין זײַנען, און פאסטעכער קיין געשיצטע, און פאסטעכער האָבן נאָר א געלאטעטע אויבער־



קלייד אף זיך צו דעקן, און אין פעלד א שטיין אף אונטער אים ארונטערגיין... און דער נאָווי פון די פאסטעכער אף א וואָלקן רײַט, און אויך אף אים זײַן אויבערקלייד, און מיט זײַן באָרד אפן ווינט צעשויבערט, און מיט זײַן קאָפּ אין הימל אנטבלויזט, און ער וואָרנט און ער רופט די פאסטעכער—אונטער שטיינער און אונטער פעלזן זיך צו שיצן. און פאסטעכער קומען אונטער שטיינער ארונטער, און פאסטעכער דאָרט זייערע פײַפעלעך פארענדיקן נעמען, די שוין ארומגעשיילטע און מיט לעכעלעך פארטיק, און די פײַפעלעך זײַנען גרייט און נײַ, און פאסטעכער נעמען זיי אויספּרוּוון צום ערשטן. און דער יוּנגער פאסטעך זאָגט: מײַן געליבטער האָט איר טאטע אָפּגעטון, מײַן געליבטע איז פון איר טאטן פארפירט, און דער טאטע האָט איר דעם וועג צו מיר פארשטעלט, און אין נעכט אין לעוואָנעדיקע האָט זי פארקישעפט; און לעבן קאָן דאָך ניט מיט אים, ווײַל מיט אים האָט שוין אָפּגעלעבט, און זײַן בא אים וועט דאָך נישט, ווײַל די צײַט איז בא אים אָפּגעווען; און איך בין דאָך אליין, און קיינעם האָב איך ניט, און פאסטעכער קענען מיך, און זאָלן פאסטעכער זאָגן, און אונטערן שטיין איז אן אָרט נאָך פרײַ, און דאָס אָרט דאָ ווארט אף איר, און זאָל זי איצט אין אומגעוויטער קומען, און דאָס אויבערקלייד וועט פאר ביידע קלעקן, און מײַן און איר קערפּער וועט אײַנדעקן—און וואָס איז איר דער טאטע?

— טאטע!—האָט דעם וואלד־אײַנוווינערס טאָכטער דאן באם בוים שטייענדיק אויסגעשריגן און דעם בוים ארומגעכאפּט, טאטע.— און דער וואלד־אײַנוווינער האָט זיך פון זײַן אָרט א ריס געטון און צו איר צולויפן געוואָלט, האָט זיך אָבער אין דער רעגע אין די שפּיצן־ביימער א פויגל־פּאָך דערהערט, האָט זיך פארן וואלד־אײַנוווינער אויך אין דער רעגע דער טאָמיד־שטענדיקער זיך צוריקקערנדיק באוויזן... און ווידער נישט אליין איז ער געווען, און ווידער האָט מיט זיך עפּעס געפאנגען געבראכט. און איצט איז דאָס נישט קיין רועכל געווען, נאָר א גרויסער און מיט א פײַפל אין די הענט. און דער טאָמיד־שטענדיקער האָט אים פאר א האָרן געהאלטן, פאר איינעם פון זײַנע צוויי, וואָס ווײַנען אים אפן שטערן העכער שלייפן געוואקסן. און קליינע

זײַנען די הערנער געווען, און ווי בײַ אַן עקסל אַ יונגן, אָבער דער טאָמיד־שטענדיקער האָט אים פעסט געהאַלטן, און ביזן פלייש און ביז דעם וואָרצל פון האָרן זיך אײַנגעגראָבן. און דער רועך איז מיט קאָפּ עטוואָס אָנגעבויגן און פאַרשעמט געשטאַנען, און ער איז אָפּהענטיק געווען, וואָס ער האָט זיך אין אַ פרעמדנס האַנט געטראָפן און זײַן לאַגע איז פאַרצווייפלט. און אַרויסגעקוקט האָט פון אַ זײַט און מיט אויגן־ווײַסלעכער שרעקנדיקע, און האָריק־געפּעלצט איז ער געווען און טלאָען אויף די פיס זײַנען בײַ אים ווי בײַ אַלע רוכעס פאַרשאַרפט, און ער האָט זיך מיט זיי פעסט און עקסל־אַקשאָנעסדיק אין דער ערד אָנגעשפּאַרט. האָט אים דער טאָמיד־שטענדיקער געהאַלטן אַ ווײַלע, ווי אָפּגעטעמט און זיך אָפּגערוט פון אים צו ברענגען, און דערנאָך, שוין אַן אָפּגערוטער, האָט זיך צו אים געקערעוועט און אים אַזוי געזאָגט:

— רועך, הער: צוויי נעכט זײַנען מיר איבערגעקומען, אויף דער דריטער נאַכט דאַרפן מיר דײַן הילף האָבן.

— ס'איז קיין הילף נישטאָ! — האָט דער רועך געזאָגט.

— וואָס האָסטו געזאָגט?

— אונדזער האַר האָט אונדז אויף מאָרגן זײַן סאָד נישט אַנטפּלעקט.

— פאַרוואָס?

— ער האָט זיך מיטן רועכל אָפּגעבריט.

— איז דערום?

— ווייס איך נישט.

— ביזטו אין די הענט בײַ אונדז און מיר ווייסן, וואָס מ'טוט מיט אַזוינע.

און דער רועך האָט געשוויגן און געטראַכט אַ ווײַלע, און דאַן צוגעגעבן און אַזוי געזאָגט:

— מוזטו מיר אָפן וואָרט גלויבן און אָט איז מײַן אייצע: מאָרגן וועט אונדזער האַר אויף זײַן קראַנקן־בעטל אָהער אין וואַלד אַרויסגעטראָגן ווערן, ער וועט אַליין בײַם שפּילן זײַן, און אַליין אָנפירן מיטן שפּילן, מוזטו אים קריגן און אים שטאַרק אין די הענט האַלטן.



— און ווער קאָן אים אַרויסקריגן און אים באַפרײַען?

— אַליין נאָר די געקישעפטע, אַליין נאָר די, צו וועמען ער ווענדט זיך מיט זײַן שפּילן.

— האַ?! — און דאָ האָט דער טאָמיד־שטענדיקער דעם רועך פאַרן האָרן צוגעצויגן און אים אין די אויגן אַרײַנגעקוקט, און דער רועך האָט דעם קאָפּ אָפּגעצויגן און זיך נישט זען געלאָזט, אָבער פון טאָמיד־שטענדיקנס קוק האָט די אויגן נישט באַפרײַען געקאָנט, און דער טאָמיד־שטענדיקער האָט אין זיי דעם עמעס געלייענט. און דער טאָמיד־שטענדיקער האָט איבערגעלייענט: נישט געלינגערט האָט איצט דער רועך. האָט ער אים נאָך אַ ווײַלע געהאַלטן, און אַ צווייטע ווײַלע געשוויגן אים האַלטנדיק, און דאַן, און פון זײַן פאַרקוועטשטן פויסט האָט זײַן האָרן אַרויסגעלאָזט, אים אָפּגעלאָזט און „איצט גיי" אַ זאָג געטון...

can force the truth out of him

און דער רועך האָט דעם קאָפּ באַפרײַט, און אַ באַפרײַטער דאַן מיטן צונג אַ קנאַק געטון, מיט אַ פרייד אַ גרויסער, מיט אַן אויפגעלייגטער און מיט אַ הילכיק רוכישער, און אויסגעקערעוועט האָט זיך מיטן רוקן צום טאָמיד־שטענדיקן און מיט האַלבן קערפּער זיך אַ בויג געטון און מיט די הענט אין באָדן אָנגעשפּאַרט, און באַלד די פיס מיט אַנדערן האַלבן קערפּער איבער ערשטן אַריבערגעוואָרפן, און איינמאָל, צווייטמאָל און עטלעכע מאָל, און אַזוי זיך געקוליעט; און אַזוי זיך קוליענדיק, און איבער און אַריבער, איז מיט אַ פײַף און מיט אַ קנאַק אין וואַלד אַרײַן, אַוועק, און פון אויג נישט געבליבן...

און דער רועך האָט נישט געליגנערט, און געווען איז ווי דער רועך האָט פאָרויסגעזאָגט. און אין דער קומענדיקער נאַכט, נאָכדעם ווי די טאָכטער פון דעם וואַלד־אײַנוווינער איז אײַנגעשלאָפן, נאָכדעם ווי אין וואַלד איז אַלץ פאַרשטילט געוואָרן, און די לעוואָנע איז אויפגעגאַנגען, און איר שײַן איז מיט פאַרהוילעניש יענץ אָרט, וואָס איז פון ביימער אַרומגערינגלט געווען, באַשײַנט, און אַלץ איז שוין גרייט געווען, און די צײַט פון קישעף האָט זיך דערנענט, האָט זיך דאַן דער טאָמיד־שטענדיקער פון זײַן פרײַנט אָפּגעטיילט, גאָרנישט ניט געזאָגט און אַוועק-

געגאַן, אַליין און פאַרשווונדן געוואָרן אַף א צײַט... און געשראָקן האָט זיך דאָס מאָל זייער דער וואַלד־אײַנוווינער און פון דער טיר פון דעם היטער־שטיבעלע נישט אָפּגעגאַן, און געקוקט אַהין און דאָס מיט די אויגן געהיט. איז אַזוי אַוועקגעגאַן א צײַט.

האָט זיך פלוצלים די לעוואָנע־ליכט מיט עפּעס א טונקלקײַט באַצויגן, און נישט געזעען האָט מען, פונוואַנען ס'נעמט זיך די טונקלקײַט, צי די לעוואָנע איז אונטער א וואָלקן אַרונטער, צי זי איז אין וואַלד און הינטער ביימעריקײַט געקומען; און נאָך דער טונקלקײַט איז אין וואַלד עפּעס א ווינטל אָנגעקומען און די שפּיצן ביימער צעשאָקלט, און אַן ערנסט און א וואַלד־ווינטיקער איז איבער די ביימער־שפּיצן איבערגעגאַן, און יענעם ערנסט האָבן דערנאָך אויך די שטאַמען פון די ביימער דערפילט. און אויך זיי האָבן זיך פון זייער הויך און שטיל־שטיין גערירט, און צעגיין האָבן זיי זיך גענומען און איינער צום אַנדערן זיך בויגן; מיט זייער גאַנצער גרייס און מיט זייער נישט־צעוויגטקײַט צום אָנהייב... און די לעוואָנע איז נאָך טונקעלער געוואָרן, און אין וואַלד איז א האַלב־פינצטערניש אַרײַן, און א גרויסער אומעט עפּעס האָט זיך אין יענער טונקלקײַט צעזאָגט, און דער ווינט האָט דאָס נאָגן צווישן די ביימער אָנגעזאָגט... און דער וואַלד־אײַנוווינער איז אַליין באַם שטיבעלע געשטאַנען און דאָס צוגעזען, און מוירע האָט ער געקראָגן פאַרן ווינט און פאַר לעוואָנע־שײַן געלאָשענער, פאַר זײַן אַליין־זײַן און נאָר מיט־דער־טאָכטער־בלײַבן...

האָט ער דאַן דערהערט: און ווי אין וואַלד האָט זיך איצט דאָס שפּילן אָנגעהויבן, אַזוי איז דאָס פלוצלים איבערגעריסן און שטיל געוואָרן. און א טומל איז אַפן שפּיל־פּלאַץ דאָרט געוואָרן, ווי אַן איבערשלאָג און עפּעס אַן אומגליק וואָלט דאָרט געשען, וואָס וואָס האָט מען נישט וויסן געקאָנט, נאָר געפילט האָט מען, אַז דאָס שפּילן איז איבעראַשט און געפּלעפּט געוואָרן מיטאַמאָל... האָט זיך באַלד נאָכן ראַש פון ווײַטן, באַלד און צווישן די ביימער נאָענט, עפּעס ווי א צווײַגן־ברעכן און אַן אין וואַלד־טרעטן דערהערט. און נישט געדויערט האָט לאַנג און פון די ביימער האָט זיך א געשטאַלט אַרויסגעוויזן, א הויכע און נישט



מענטשנגעוויינלעכעס, און די וווּקס איז ווערדליק צוויי מאַן און העכער געווען. און ווי צו א סימכע איז די געשטאַלט אָנגעטון געווען, אין הוילן נײַען און אין הוילן שוואַרצן, און אַף די הענט האָט אויך ווײַסע האַנטשן געטראָגן, און אַליין איז דאָס אָנגעבויגן געגאַן, און אין דער האַנט א שטעקן, אַף אין אים זיך אָנשפּאַרן, געהאַט. און די געשטאַלט איז פון וואַלד אַרויסגעקומען, און מיטן קאָפּ האָט דאָס צו דער מיט פון די ביימער־שטאַמען דערלאַנגט, און פאָרויס פאַרן טאָמיד־שטענדיקן גייענדיק, האָט קעגן טאָמיד־שטענדיקן ווי א ריז אויסגעזעען. און דער טאָמיד־שטענדיקער איז אים באַ זײַן זײַט געגאַנגען און א גרויסער ערנסט האָט איצט זײַן פּאָנעם און זײַן גאַנץ באַנעמען אויסגעדריקט. און די געשטאַלט האָט זיך צום טאָמיד־שטענדיקן פרײַ און נישט באַצווונגען געהאַלטן, אַף אים ווייניק אַכט געגעבן און ווי פּעסט און זיכער זיך געפילט, און נאָר דאָס איינציקע, וואָס ער איז אין זײַן רעשוס באַ אים, האָט אים, צו גיין מיט אים און באַ זײַן זײַט זיך געפינען, גענויט.

זײַנען זיי אַרויסגעגאַנגען און נאָענט צום אָרט פון וואַלד־אײַנוווינער אונטערגעקומען, און דער טאָמיד־שטענדיקער האָט זיך צו זײַן פרײַנט דאַן געווענדט, און אַף די הויכע געשטאַלט אָנגעוויזן און ווי אים מיט די אויגן אָנגעטײַט: זאָל ער וויסן, וואָס צו טון ער האָט, און וואָס דער נעכטיקער רועך האָט געזאָגט, זאָל געדענקען. און דער וואַלד־אײַנוווינער האָט פאַרשטאַנען און די נאַכט און דעם ערנסט הײַנטיקן באַנומען, און צו דער טאָכטערס שטיבעלע און צו איר שלאָפן־דאָרט זיך געווענדט, און ער האָט געהיט די טאָכטער און אַף איר פּאָנעם וואָס איז שוואַך פון לעוואָנע באַליכטן געווען, געקוקט און קיין ריר און קיין באַוועגונג פון איר פּאָנעם איז פון אים נישט פאַרלאָרן געגאַן. און די געשטאַלט אין דרויסן איז דערווײַל שטיל געווען און נישט געזאָגט גאָרנישט, נאָר אַז ס'איז צום שטיבעלע אונטערגעקומען און אין דער נאָענטקײַט פון דעם זיך דערפילט, האָט מיט אַן אויג מיט איינעם אַף דעם א קוק געטון פון דער זײַט, און נאָך מער פון דער זײַט האָט בעיס־מײַסע מיטן אַנדערן אויג אַפן וואַלד־אײַנוווינער א בליק געוואָרפן. און נישט

װיסנדיק געמאַכט האָט זיך, און װי נישט געזעען גאָרנישט, און באַלד צום טאָמיד־שטענדיקן האָט זיך געװענדט, אַ קוק געטון אַף אים און זײַן קוק האָט געהייסן: ער הינקט אַף זײַן פוס און ער קאָן ניט שטיין אַף אים, זאָל ער אים ערלויבן און ער װעט זיך אַף דר'ערד אַראָפּזעצן. האָט אים דער טאָמיד־שטענדיקער ערלויבט, און יענער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, זײַן שטעקן צװישן די פיס גענומען, און מיטן פּאָנעם אַהין, פונװאַנען ער איז געקומען, האָט זיך געװענדט, און באַלד אַהין אויפגעהויבן זײַן פּאָנעם. איז אין װאַלד נאָך אַלץ דער װינט געװען, און ביימער האָבן זיך געשאָקלט און גערוישט מיט שפּיצן. האָט דער טאָמיד־שטענדיקער פּלוצלים דערזען, װי אַף אַ בוים, װאָס אַנטקעגן דעם רועך זיצנדיקן, און סאַמע אויפן שפּיץ אַף זײַנעם, האָט זיך אַ רועך באַװיזן; און אויסגעזען האָט יענער װי דער נעכטיקער, און װי דער, װאָס איז נעכטן דאָ געפאַנגען געװען, און װאָס נאָכן אויספרעגן בײַ אים איז אַף דער פרײַ געלאָזט געװאָרן. איז ער איצט סאַמע אויפן שפּיץ בוים געװען און אַראָפּ האָט ער געקוקט, און צו זײַן האַר, װאָס איז אונטן, אַף דער ערד, געזעסן, איז זײַן בליק געװען געװענדט, און געװאַרט האָט ער, ביז דער אונטן־זיצנדיקער װעט אים פון דער ערד אַרויף מיט זײַן קוק עפּעס באַפעלן. האָט אים יענער דערפילט, האָט ער צו אים די אויגן אויפגעהויבן און האַריש און אַף אַ רועך־אויפן זיך מיט אים איבערגעקוקט אַ װײַלע, און דאַן, און דער, װאָס איז פון אויבן געזעסן, האָט דאָס, אַף װאָס ער האָט געװאַרט, אַרויסגעקראָגן. האָט ער דאַן מיטן צונג אַ קנאַק געטון — פאַר זיך און פאַר פרייד פאַר גרויסער, פאַר אויפגעלייגטקייַט און פאַר גרייטקײַט זײַן האַר צו דינען, און אויך פאַר װײַטע רוכעס, און פאַר אַנדערע זײַן גלײַכן, װאָס האָבן איצט נישט געזעען זייער האַר און אָפּגעשיידט געװען פון אים, אַ סימען געגעבן, און יענע האָבן פאַרשטאַנען. האָט זיך דאַן דאָס שפּילן אָנגעהויבן, און דערהערט האָט זיך, און אַ קיילע האָט פאַרצויגן און אין שפּילן אויסגעמאָלט:

— װען די לעװאָנע אין אָװנט אויפן יאַם װײַזט זיך, טרעפט זי אַ פּישער־שיפל אַף זײַן מיטן שטיין, באַזילבערט און באַגאָלדעט זי די רויִקײַט דאַן אויפן יאַם און דער פישער זײַן נעץ, װו



פאַרװאָרפן דאָרף, העלפט. און פאַראַנקערט איז שוין דאָס שיפל, און דער פישער אַף זײַן נעץ און מאַזל װאַרט. און װאָס צו טון האָט ער ניט, װײַל אַ צײַט מוז אויסװאַרטן... קוקט ער אַף לעװאָנע און אַף יאַם, װאָס איז צעשפּרייט, און קיינעם האָט ער ניט בײַ זײַן זײַט, און לעװאָנע זײַן איינציקע פאַרברענגערן דאַן; דערציילט זי אים פונעם יאַם־מאַן, װאָס אויפן גרונט האָט װײַסע געװיקסן־קאַלעס פיל, און מיט קליינע פישעלעך באַפוילט זיי אין אָװנט, און צו יעדער קאַלע אַן אַנדער פישעלע שיקט אונטער, און דאָס פישעלע דרייט זיך אַרום אַרום קאַלע, באַקוקט זי און באַשמעקט זי מיט פיסקעלע, און דאַן צום יאַם־מאַן שװימט און אַ גרוס פון זײַן קאַלע ברענגט... און דער פישער דעם קאָפּ אַרויף צו לעװאָנע האַלט, און אין יאַם אין פאַרשפּרייטן געפינט זיך, און אין זײַן קאַלע, װאָס אויפן ברעג זיך דערמאָנט, װי זי האָט אים צום ברעג באַלייט, און דערנאָך אַהיים אַװעקגעגאַן, און אָפּגייענדיק געװיס זיך אומגעקערט אַף צוריק, און לאַנג אים אין זײַן אָפּשװימען נאָכגעקוקט, און ער װיל זי איצט זעען, און בײַ לעװאָנע איר געשטאַלט אים װײַזן בעט, און לעװאָנע װײַזט זי אים. און איר שטיבעלע פון ברעג אויפן הימל טראָגט איבער, און די קאַלע קוקט דורכן פענצטערל אַרויס, און צו איר געליבטן אויפן יאַם קוקט אַראָפּ, און פאַר איר שלאָפן־גיין אַ „גוטע־נאַכט" אים װינשעװעט, און אַ גליקלעכן פיש־פאַנג אין זײַן נעץ. און דאַן דעם קאָפּ פון פענצטערל נעמט אַרײַן, און אין שטיבעלע אַף נאַכט גייט אָפּ, און דער פישער אַליין אויפן יאַם דאַן בלײַבט, אַף צו נעכטיקן, און די גאַנצע נאַכט פון דער, װאָס אין שטיבעלע, צו טראַכטן...

האָט דאָס דעם װאַלד־אײַנװוינערס טאָכטער אין װאַלד פאַרנומען און פון איר געלעגער האָט זיך אויפגעהויבן, און אַף דער שװעל אַרויס, און מיט איר פאָטער, װאָס איז דאָרט געשטאַנען, זיך אָנגעשלאָגן. און דער װאַלד־אײַנװוינער האָט די הענט צעשפּרייט געהאַלטן, אום איר דעם װעג פאַרשטעלן און זי װײַטער גיין נישט צו לאָזן. און די טאָכטער האָט דעם קאָפּ צום הימל אַרויף געהאַלטן און מיט די פאַרמאַכטע אויגן דורך די װיִעס די געשלאָסענע, װי די לעװאָנע און איר שײַן דאַן געזוכט. איז אָבער

די לעוואָנע נאָך פאר אירע אויגן נישט געווען, ווײַל אין וואלד פון ביימער פארשטעלט איז זי געשטאנען, און פארצויגן איז דאָך הײַנט מיט עפּעס געווען, און אף דער טאָכטערס פּאָנעם האָט נאָר מיט א שוואכער שײַן דערלאנגט. און דער רועך אפן בוים־שפּיץ איז נאָר ווי פריִער אף זײַן אָרט געזעסן און אף זײַן האר, וואָס איז פון אונטן געווען, געקוקט. און דער טאָמיד־שטענדיקער האָט זיי ביידע אין אויג געהאלטן. האָט זיך אין וואלד ווײַטער דערהערט:

— און אז א שטורעם מאכט זיך אמאָל אפן יאם, באנאכט און ווען לעוואַנע איז אפן הימל, און דער פישער אין דער מיט געפינט זיך, און כוואליעס צעשפּילן זיך, און ווינטן ברענגען גיכע וואָלקנס צו טראָגן, און פארבײַ לעוואָנע און איר שײַן פאר־שטעלנדיק טראָגן זיך דורך, און א טונקלקײַט פאלט אפן יאם־זילבער און א כמארעדיקײַט דאָס יאם־גאָלד פארטונקלט, און שיפּעלע הוידעט זיך, און שיפּעלע קאָן שוין רויִק נישט בלײַבן, און דער פישער מוז דעם אנקער אופהייבן און אף גיך די נעץ ארופּנעמען, ווײַל פון אלע זײַטן כוואליִעס טראָגן זיך, און אין אלע הימל־עקן סאקאָנע מיט טונקלקײַט פאָרן זיך... און די קאלע אין שטיבעלע אונטער לעוואָנע ווערט פון שלאָף אופגעוועקט, צי א ווינט, צי אליין די לעוואָנע קלאפּט איר אין פענצטערל אָן, און זי כאפּט זיך פון בעט אראָפּ און קוקט דורכן פענצטערל ארויס, און דערזעט, וואָס אפן יאם טוט זיך. ווענדעט זי זיך דאן צו לעוואָנע, אז איר פישער, וואָס איז מיט זײַן שיפֿעלע פארבליבן, און וואָס אפן שיפּעלע איצט שטייט און מיטן רודער אין אלע זײַטן רודערט, זאָל דעם יאמס בייזקײַט אײַנעמען און דורך זײַן ווילדער מיט זיך דורכטראָגן, און צום ברעג א גאנצער זאָל דער־גרייכן און אהיים בעשאָלעם אָנקומען, און קיין כוואליע זאָל זיך אים אין וועג ניט אופשטעלן, נישט פון א זײַט און נישט פון אונטן אף אים, און קיין גרוב פון פאָרנט זאָל אים ניט אײַנ־שלינגען וועלן; בעט זי פאר לעוואָנע...

אָבער אז דער יאם שוין מער צעשפּילט זיך, און די לעוואָנע איז שוין מיט זיך אליין פארנומען, ווײַל וואָלקנס זײַנען אין אן אָנגעלויף אָנגעלאָפן, און שטורעם אפן יאם שוין א שווארצער



איז, און וואסערן און כמארעס — נאָך שווארצער, און א גרויס פארבלאָזיקײַט אף די האָריזאָנטן הערשט, און א ראש און א גרויסער טומל איז אין מיט פון יאם, און דאָס שיפּעלע אין יאם א קליינס געפינט זיך — וואָס זאָל דעמאָלט טון, און וואָס זעט זיך דאן אָן דאָס שיפּעלע, וווהין זאָל זיך דאָס ווענדן און וואָס וועט זײַן און געשען דערמיט...

און דעם וואלד־אײַנוווינערס טאָכטער האָט דאן אף איר פּאָטער א גיי געטון און אים פון זײַן אָרט אָפּגעשטויסן, און אין מיטן פון יענעם פּלאץ, ווו דער רועך, דער האר, איז געזעסן און טאָמיד־שטענדיקער איז געשטאנען, איז געקומען — אן אָנגע־שטרענגטע, און ווי מיט קויעך אומגעוויינלעכן און פון פּאָטער נישט אופגעהאלטן און פון די ארומיקע באוווּנדערט... און שטיין איז זי געבליבן, און דער פּאָטער איז צו איר אונטערגעלאָפן, און דער טאָמיד־שטענדיקער האָט איצט ווי שוואך און נישט ביעכוילעס אויסגעזען, און דער רועך, דער האר, האָט דאָס צוגעזען, און א גרויס צופרידנקײַט און א שמייכלענדיקע בעטיכעס האָבן זיך אין זײַנע, אין די זײַטן קוקנדיקע, אויגן באוויזן. און דער רועך פון בוים־שפּיץ האָט אלץ אַף זײַן האר געקוקט און ווײַטער די צײַט פאר דער רעכטער געפונען, און ווידער אין וואלד ערגעץ זײַן סימען געגעבן, האָט זיך דאן ווידער דערהערט, און די קיילע האָט ווידער געצויגן:

— און דאן, און אז דער שטורעם איז שוין אפן יאם, און אז טון עפּעס איז שוין אומעגלעך, און אַז אויך גרויסע שיפן זײַנען אין אזוינע פאלן פארלוירן, און פון קלענערע איז אָפּגערעדט, און פון אזוינע קליינע איז גאָרנישט ניט צו האָפן; און דאָס שיפּעלע איז א שפּענדל אין יאם, און דער יאם איז איימעדיק געוואָרן, און די לעוואָנע איז נישט ארויסצוזעען, און דאָס, וואָס ס׳זעט זיך יאָ ארויס, איז אליין דערשראָקן און דעם שרעק פון פישער נאָך פארגרעסערט; און זײַנע מינוטן זײַנען די לעצטע, און דאָס שיפּעלע איז שוין נישט איינמאָל פאר־פלייצט געוואָרן און באם אונטערגיין געהאלטן, נאָר מיט ניסים און מיט לעצטן איז דאָס נאָך אפן וואסער פארבליבן — איז וואָס איז דאן דער קאלע געבליבן? אז איר צאר איז גרויס. און איר

געליבטער איז באַם עק דאָרט, און מיט וואָס אים העלפן האָט זי ניט, און ליכט איז קיין ליכט, און לעוואָנע — נישט לעוואָנע, און וועלט און וואסער איז פאר איר געבעט פארשטעלט; און וואָס איז איר איר שטיבעלע, אז דאָס שיפעלע האָט זיך שוין איבערגעקערט, און דער פישער איז אין וואסער אריַין, און באַם עק פון שיפעלע זיך האלט, און האלטן וועט זיך נישט לאנג, און ביז א כוואליע וועט קומען און אים דאָס שיפעלע פון דער האנט ארויסריַיסן, און אָט האָט די כוואליע א פאטש געטון, און דאָס שיפעלע איז אין א גרוב אריַין, און דער פישער איז אליַין ארויס, אף אייניקע מינוטן זיך נאָך צו ראנגלען, און דערנאָך און אויך ער וועט פארשווינדן; איז וואָס זאָל זי טון, אויב נישט אפן שוועל־פענצטער פון שטיבעלע זיך שטעלן און מיטן לעצטן אָטעם איר געליבטנס גערانגל זען. און דאן, און אין דער לעצטער מינוט פון דער הויך און פון שטיבעלע פון אויבן, אויך זיך אליין, אהין און אין וואסער ווארפן... און אָט איז די מינוט די לעצטע, און באַם פישער האָבן זיך שוין די הענט אָפּגעלאָזן, און מער קיין קויעך האָט ער ניט, און אין די זיך־טראָגנדיקע וואָלקנס האָט א בליץ געטון, און אין יאם האָט זיך א גרוב געעפנט, און דעם לעצטן און דעם אייניציקן מענטשן, וואָס אפן יאם, האָט אין דער טיף אריַינגעשליַידערט... און די קאלע פון פישער האָט א געשריי ארויסגעלאָזט, און די קאלע פון פישער האָט זיך פון דער הויך און פון פענצטער אראָפּגעלאָזט, און...

— אין דער מינוט האָט זיך א ריס געטון, דאָס שפּילן, און דעם וואלד־איַינוווינערס טאָכטער האָט זיך פון איר אָרט אָפּגעריסן, און דער רויעך, דער האר, האָט זיך פון זיַין אָרט א שטעל געטון, און דעם שטעקן, וואָס ער האָט אף זיך אָנשפּארן געהאט, האָט צווישן די פיס אריַינגעכאפּט, און פלוצלים זיך מיט אים אין דער לופטן א הייב געטון... און צום וואלד־איַינוווינערס טאָכטער איז ער צו, און זי האָט שוין די הענט צו אים אויסגעשטרעקט געהאלטן, און מיט גרויס מי און גלוסטונג זיך צו אים געצויגן ארוף. און דער וואלד־איַינוווינער האָט זי ארומגעכאפּט, און דער וואלד־איַינוווינער האָט זי פארהאלטן געוואָלט, אָבער די טאָכטער האָט זיך פון אים אויסגעריסן, און דער רויעך האָט איר א האנט



אראָפּדערלאנגט, און אָנגעכאפּט האָט זי, און צו זיך אפן שטעקן ארופגעכאפּט, און זי אף פאר זיך און ריַיטנדיק ארופגעזעצט; און אזוי, און זי ארופזעצנדיק, זיַינען זיי אלץ העכער און העכער אונטער לעוואָנע געקומען, העכער און העכער געפלויגן, און דער רויעך האָט זי ארומגענומען געהאלטן, געהאלטן און נישט אָפּגעלאָזט.

און דער פאָטער האָט זיי אין הימל ריַיטנדיק דערזעען, און דער וואלד־איַינוווינער איז מיטן פּאָנעם צו דר׳ערד געפאלן. און דער טאָמיד־שטענדיקער האָט דאָס צוגעזעען, און דער טאָמיד־שטענדיקער האָט פאר זיַין פריַינט קיין הילף און קיין טרייסט נישט געהאט...

און אף מאָרגן, אז דער טאָג איז געקומען, האָבןביידע פריַינט זייערע זאכן צונויפגענומען, און שטילע און נישט גערעדט צווישן זיך, דאָס אָרט יענץ פארלאָזט, אום צום טאָמיד־שטענדיקס שטיבעלע און צו זיַין היים זיך אומצוקערן. זיַינען זיי געקומען אהין, און דער וואלד־איַינוווינער האָט זיך באַ זיַין פריַינט באַזעצט, און דער וואלד־איַינוווינער איז פון דעמאָלט אָן באַם טאָמיד־שטענדיקן פארבליבן, און אזוי אף ציַיטן לאנגע, און נאָך אדאיעם געפינט זיך דאָרט.